די
צווייא אונגלייכע ברידער

# מַאטְקֶע און הֶערְשְׁקֶע

מאת אמ״ד

# ווילנא

בדפוס האלמנה והאחים ראם
שנת תרל״ג לפ״ק

ДИ ЦВЕИ УНГЛЕЙХЕ БРИДЕРЪ
т. е.
Два неравные брата.
Повѣсть А. М. Дика.

ВИЛЬНА.
Въ типографіи *Вдовы и братьевъ Роммъ.*
На Жмудскомъ переулкѣ въ собственныхъ домахъ подъ №№ 327 и 328.
1873.

168307

1/68307

1.

„איין געשפרעך אין איינער אכסניא"

מיט אפאר יאר צוריק אלס איך וואר אין דער שטאט „א' געשעפטס האלבער · האב איך געהאט איינע גוטע געלעגענהייט צוא הערין אין געשפרעך צווישן צווייא אורחים אין דער אכסניא וואס איך בין דארט איין געשטאנען · דיזער געשפרעך האט געדויערט מער אלס צווייא שטונדין · אונ וואר געשפראכען פון ביידע זייטען (צדדים) מיט גרוים היץ אונ פייער · אונ ער וואר מיר אזויא ווייט געפעלען דאס איך בענוצע איין קליינעם טייל פון אים אלס איינע פאר ריידע צו אונזערע קליינעם ערציילונג · יא איין קליינעם טייל נור · דען איך וויל דא אויסענלאזען זייערע פלפולים אונ מאנכע זייטיגע רייד וואס האבין קיין שייכות צוא אונזער ספור · אונ וואס זייען צוא גלייך צוא בייטיג פאר אונזערע לעזערינען אדער אזויא נאר לעזער וואס האבין קיין גמרא גילערינט :

דיזע ביידע אורחים וואַרען פראהזקט הענדלער · : אונ האבין אלזוי ביידע אויס געזעהען פון זייערע געזיכטער דאס זיי ביידע זייען פון איינעם פאקראי (שנים) · דאס הייסט פון דער אלטע וועלט · דען נאך האט קיין שער בעריהרט איין האר פון זייער בארד אונ פיאות · זעלבסט אין זייערע קליידער וואר איין קנאפער אונטער שייד : מער נים דאס איינער וואס האט געהייסין ר' יעקב וואר אן גיטאן אום שבת אין איינר אטלעשענע קאפאטע · אונ דער אנדערער וואס האט געהייסען ר' הלל איז גיגאנגען אין איינע מובענע ; אונ בייא אלעם דעם אבער בייא זייערען געשפרעך מיט איינאנדר האט זיך ארויס געוויזן שוין דאס זיי זייען אין זייערע

רעליגיעזע

Дозволено цензурою 30 Января 1873 г. Вильна.

העליגיעזע מיינונגען אונ אין זייערע וועלטליכע איינריכטען אזוי ווייט
אייגע פון דעם אנדערען וויא מזרח פון מערב :

זייא זיינען אין דיזער אבסניא פאר פארין פרייטיג פאר
נאכט · אונ האבין אלזוי גיהאט דעם גאנצען שבת פאר זיך אום
בעקאנט צוא ווערין צווישין זיך אזוי ווייט דאס שבת צוא נאכט
האבין זייא זיך גיזעצט באלד נאך הבדלה ביא איינעם סאמאוואר ·
איינער האט אויף געמישט גוטע ציגארין · דער צווייטער איינע
גוטע בוטעלע ראם · עס וואר דאן אזוי וויא ארום חנוכה · וואס
דיא נעכט זיינען דאן לאנג אונ קאלט אונ וואס דאן איז
אמנעמליכסטען צוא זיין אונטערין דאך (דאס הייסט אין אשטוב)
ביא איינעם בראדעלענדען (זידענדען) סאמאוואר מיט אציגאר
אין מויל · אונ צוא פארטרייבין דיא צייט דורך אנגשפרעך מיט
איינעם צווישען · אונ איך וואס איך האב נאך ניט גיהאט דיא
גילעגנהייט צוא מאכין זיך באקאנט מיט זייא : דען איך וואר
שבת גילאדין ביא מיינעם אפריינד ; בין איך מיר גיזעסין ניט
ווייט פון זייא לעבין אויווען ביא אבעזונדערין טישעל ביא
איינער פארציאן טייא · אויך מיט אציגאר אין מויל אונ האב
נאך פאר מיר גיהאט איין אפענעם ספר · אונ האב אלזוי וויא
דער עולם זאגט פאר זיך שבת גימאכט · אונ וואר דאן גאנץ אהר
(הארכענר) אוים צו הערין זייער גישפרעך וואס איז גיווארין פון
מינוט צוא מינוט היציגער אונ העכער · אונ האב מיך דער ביא
בעוואפינט מיט גידולד צו שווייגען דאס הייסט ניט אריין מישין
זיך אין זייער גישפרעך אום צוא געבין איינע איבער גיוויכט
(פארעוועס) איינעם צד איבער דעם אנדערען · אונ צו שווייגין
וואו מען קען זייער גוט איינווירקען מיט דעם רעדין ; איז מער
קונסט אלס צוא רעדען :

דאס גישפרעך האט זיך ערסט אן גיהובין אונטער זייא אלס
מען האט שוין גיהאלטען מיט דר בוטעלקע ראם אין מיטין אונ דיא
גימיטהער ווארען שוין גוט ערהיצט · דען פונם ערווארימט דאס

בלום



בלוט אם שנעלסטען · אונ דאן האט זיך דער יעקב אפ גירופין
אנגלעט טוענדיג דעם בארד אונ ארוים לאזענדיג ארויך זיילע פון
כונד גילויבט איז זיין נאמען · איך האב גיהאט גוטע גישעפטין
אין דיזעם יאר ; אונ האב נאך בעסערע אוים זיכטען אויף דעם
ציינען יאר אי"ה ; מען קען אנדערש ניט זאגין דאס דיא אידעשע
וועלט האט זיך אין דיזע יארין פיל פאר בעסערט אונ פאר
גרעסערט הין אין עסקים אונ הין אין דעם רבוי אונ אזוי אויך
אין תורה ; עס ווערען דאך גידרוקט אלע יאר נייע ספרים גאר אן
אצאל אונ אן איין ערך אונ עס זיינען נאך אידען קיין מאל אזוי
גוט גישטאנען אין דיזער מדינה וויא איצונד · בעטראכטעט יעדע
קליין שטעטיל איז גיווארין אשטאט מיט נגידים מיט שיינע בנינים ·
אונ קליידעט זיך זייער גוט · אונ אלע זייען בטעם לומדים אם
ווייניגסטען קיין פראסטאק איז שוין ניט צוא זעהען אונטער אונז
אידען וויא פאר צייטען · גילויבט איז זיין נאמען מיר האבין דער
לעבט גוטע צייטען · אונ עס איז צוא האפין אויך נאך פיל
בעסערע ·

אונ איך · האט זיך אפ גירופין דער ר' הלל · בין גאנץ
פון אנדערע מיינונגען אין דיזי ענינים אלס איר · דען איך מיין
גאנץ אומגעקערט · דאס נאך זייען ניט אונזערע אידין גישטאנען
אזוא קריטעם (בעדיינקליך אונ אונזיכער) אין דיזע לענדער וויא
אין דיזע צייטין הין אין דעם פעקוניארער הינזיכט (געלדזאכען
אדער עסקים) ; אונ הין אין רעליגיעזע הינזיכט · · אונ אום אייך עס
דייטליך איבער צוא צייגין דאש איך האב רעכט גראץ (פראביוו)
דעם ליידיגין אוים ווייזען וויא איר מיינט · מוזט איר אוים הערין
פון מיר איינע קורצע געשיכטעלע וואס וועט אייך דא דינען פאר
איין גוטין ביא שפיל :

אין דער שטאט וואו איך וואוין האט גיהאלטין איין
גערוישער הער "ל" דעם אדקופ · וויא דיא וואהרהייט צוא זאגין
דיזער מענש איז גיוועזען העכסט ניט פרום · אונ וואר נאך דער צו

אנגרויסער

אַגרויסער יאָדען פֿיינד · אונ איבער הויפּט האט ער פֿיינט גיהאט אַשנאָרער · וואס נעברויכט זייַנע הענט נור אום זיא אויס צוא שטעלין צוא בעטלען אָבער ניט צוא אַרבייטין · אונ וואס צוא אַנדערע שאַנדע מאַכין דיזע לייטע קיינע קליינע קלאַסע אוים אונטער אַנדער נאַציאָן · אונ פֿלעגט זייא פֿון זיך טרייבן · אונ בריען מיט זויערע דבורים · אונ אַלס ער האט איין גיזעהען דאס ווערטער אַליין זייען פֿון גאַנץ קנאַבער ווירקונג געגין אַנעלכע אונ אונפֿערשעמטע לייטע · האט ער איינעם פֿון זיי גישפּילט (אָפּ גיטאַן) אַזוא אַשטרייך (שטונקע) דאס דיא איבעריגע האבין אים שוין אוים געטייכט וואו פֿעפֿער וואַקסט :

ער האט איינעם פֿון זייא (פֿראַסט גיזאַגט אַיאַלעווען בעל דאַרשער) וואס איז אַריין גיקומען צו אים אין אַטקופּ בעטין אַנדבה אַנגעבאַטען אַשטעלע אין זיין קאַנצילאַריא „ווייא שטעט איר אייך גיט" האט ער צוא אים גיזאָגט דאס „אַזוא אַגעזונטער יונגער מאַן ווייא איר זייט זאל זיך אָן טאָן פֿאַר אַבטלען אין אַשפּאַרעק אונ אין אַלאַכמאַן אונ גיין בעטלען · קליין זייט איר אייער ברויט צוא פֿערדינען מיט פֿראַצע" ? „אַדרבה גאַנץ רעכט" האט יענער זיך אָפּ גירופֿין · איך וואָלט עס אויך וועלין נור וואס קען אַזוא אַמענש ווא איך טאָן · האַלץ האַקין איז ניט מיינע קרעפֿטין · אונ העכסט ניט פּאַסיג · איך גלויב דאס איר זעלבסט מיינט עס אויך ניט · אַמלאכה האב איך ניט גילערינט וואָרום מיין פֿאַטער וואַר אַלייטעשער מענש · קנעלין הייסט בייא אונז אידין אויך באַלד ווייא גיבעטילט אונ דער צוא נאך לאַזין דיא גאַל מיט ווילדע קינדער" · „ווען אַזוא אַט זייט זע איין שרייבער בייא מיר אין אַטקופּ" האט זיך דער העער „ל" אָפּ גירופֿין „דאס קען איך בוודאי ניט" האט אים דער שנאָרער גיענטפֿערט: „איך קען אין אידעש נור שרייבין" האט זיך דער אַטקופּציג אָפּ גירופֿין „אונ דער צוא איין עטוואס רעכינען" „זאלט איר מיר גיזוגט זיין ליבער העער" האט זיך דער שנאָרער אָפּ גירופֿין „איר מיינט נור שפּאַס צו מאַכין

פֿון



פֿון מיר ווייא קומט אַזוא אַאיד ווייא איך צוא שרייבין אונ צוא רעכינען · איך בין גיוועזן ביז אַהער נור אַהוילער באַנק קוועטשער ; אַזוי ווייא קענט איר עס פֿון מיר פֿערלאַנגען · איך האב מיך אויס גיהאַרעוועט נור אויף קאַזאַנע גריץ אויף פּלעטין אין באַלעבאַטישע הייזער אונ אויף ווארבנאַכטין" :

„נוא ווען אַזוא ? האט זיך דער אַטקופּציק אָפּ גירופֿין · פֿערלאַנג איך שוין ניט פֿון אייך שרייבין אונ קיין רעכינען · אונ אויך קיינע רוסיש ריידין מער ניט דאס איר זאלט זיין דא אין אַטקופּ אויף פּאַסילקעס · אַכטונג געבין אויף דיא קליידר וואס מען הייגט אויף אין פֿאַדער שטוב · איך וועל אייך געבין דער פֿאַר שטאַנציע אונ צהעלף רובל אַחודש אויף שטייט · אייך בייצו מאַכין אַשנאַפּס · ווען איר וועט אויך וועלין ; אונ פֿאַלגט מיך אונ ווערט אַמענש איר מילט אויך זיין פֿרום ; קענט איר אויך דא זיין · דען מיר זיינען דאך אויך אידין · אונ עס דינען בייא מיר דורך אוים אידין :

דיזע רייד איז דעם יונגין מאַן אַריין אין דיא אויערין דען צוועלף רובל אַחודש האט דאך וואס צוא זאָגין · אונ איז זיך אַזו משונה גיוואָרין מיט אים · אונ דער אַטקופּסציג האט אים מראַקטירט מיט אַגוטין שנאַפּס אונ האט אים גיגעבין אַרובל פֿינף זעקס פֿאַר אויס · דאס ער זאל זיך קויפֿין אַפּאַר העמדער · אַפּאַר שטיוויל זאל גיין אין באַד שטוב · זאל זיך ערגעץ עסין בעשטעלין · אונ האט אים פֿאַר זאָגט צוא האַלטין זיך ריינליך · אונ דער יונגער מאַן האט עס פֿינקטליך ערפֿילט · דען וואס שוט מען ניט צוא ליב דער פּרנסה" :

קורץ אום · דער יונגער מאַן וואר אין אַטקופּ גאַנצע דרייא חדשים · אונ האט זיך אין דיזע קורצע צייט גאַנץ אומגיענדערט פֿון אָן הייב ביז צוא ענדע · דען בייא יעדען מאל ווען דער אַטקופּסציג פֿלעגט קומען אין אַטקופּ · האט ער גיהאט וואס אוים צו זעצין דאס איז אים ניט גיפֿעלין וואס זיינע שטיוויל זיינען ניט

גיוועקסט

גיזועקסט · דאס וואס ער טראגט ניט די הויזן איבר די שטיוויל · דאס וואס ער טראגט ניט ארעכטע פאראסקע · אונ דאס וואס דיא פאות זיינען צוא לאנג · אונ דאס וואס דער באארד איז ניט ארונ גיפוצט · "ניט פערגעסט" פלעגט ער אים אלץ צוא זאגן דאס איר זייט ניט דא אין אקלויז · איר זייט דאך אין איין אטקופ וואס פערקערין אהער גרויסע קריסטליכע הערין" :

אויך האט ער זיך איבער דיזע צייט שוין איין גיוואוינט צוא מאכן אשנאפס עטליכע מאל אין טאג · אונ צוא חאפן אביסין אן גינאסין · אמנחה צוא פאר פעלין · אמאל אבריף אוועק טראגין אום שבת אויף דיא פאצט · אונ אלס דער פרינציפאל זיינער האט שוין איין גיזעהען דאס ער האלט שוין ווייט מיט אים · האט ער אים אפ גיזאגט פון דער שטעלע · אונ דיזעם האט אים פאר טריבין צוא דער טויפע · דען וואס האט אזוא איינער גיקאנט טוגין אין דער אידעשע וועלט · דיא ערסטע ראלע זיינע אלס בעל דארשער האט ער דאך שוין ניט גיקענט שפילין מיט אגיפוצטע באארד · אונ אונטער גישארענע פאות · מיט גיגלאנצטע שטיוויל לאנגע הויזין · מיט אקורצין מאנטיל · דער צוא וואר ער שוין גיוואוינט אין דיזע קורצע צייט צוא איינעם בעסערין לעבין · אלזוי וואר ער געצוואונגען זיך צוא טויפין · אונ מיט דיזער געשיכטע וואס האט פערקלונגען אויף אמייל צוואנציג אין דער הנדונג האט איין גישראקין אלע שנארער דאס זייא האבין אים שוין אוים גימידען וויא דיא פעסט :

דאס זעלבע מיין ליבער ר' יעקב וועט גישעהען אונ גישעהעט שוין מיט אונזערין איצטיגין דור · איך וועל אייך ניט אפ לייקענען דאס דיא צייט האט זיך גיבעסערט · אבער ניט אויף לאנג · דען דיא אידעשע וועלט האט זיך אין דיזע עטליכע יארין בעררייבערט נור דורך דאס בויען פון דיא אייזין באהנען דורך דיא פאליטישע אונרוהען · דורך פאדערין פילע פראדוקטין נאך דעם אוים לאנד · אונ אזוי דורך נאך פילע אנדערע קליינע

אורזאכן



אורזאכין וואס האבין זיך שוין אלע איין גישטעלט (אויך גיהערט) אונ דיא רעדעלע דרייט זיך צוריק · דער ווילע אבער זייגען אונזערע אידעשע קינדער וואס האבין ביז אהער גילעבט וויא אזוי אנגען אויף דעם וואגט *) נור איין גידופין גיווארין דורך דיא עטליכע גוטע יארין אין דעם לעבין איין אדער בעסער צוא זאגין אין דער גרויסע וועלט · אונ האבין זיך זייער גיך אוים גילערינט צוא ברויכען הונדערט מאל אזו פיל אלס אונזערע עלטערין האבין גיברויכט צוא האבין אום דורך צוא לעבין זייער שטילעס לעבין אונ אום דיזע גרויסע הוצאות צוא בעשטרייטען (אוים צו האלטין) מוזין זיך שוין מאנכע אונ אזוא גאר פילע איינע אנדערע לעבענס וויזע פיהרען · מען זוכט זיך שוין אוים שטעלין בייא קריסטין · בייא קאזנא · אין דיא אייזין באהנען · פילע שטודירען אונ דיא פרוממסטע עלטערין פערהייראטהען זייערע טעכטער מיט קוים פון דער אי"ו ארוים גיקראכינע דאקטוירים · אפטייקארעם · יוריסטין · טעכניקער · ווייל יונגע לייט פון דער אלטער ערציהונג זייגען גאר ניט אים שטאנדע מפרנס צו זיין אהייב נאך דעם ארט אונ וויזע וויא מען לעבט איצונד · אונ בעסער וויא אמאל אזו גאר אמלמדים אטאכטער · איין ארעסטען האנדווערקערס מיידיל · דען בייא אונז אידין איז קיינע קלאסין דא · דער קלענסטער נעמט זיך איין ביישפיל פון דעם גרעסטין · אזוי אין עניני עולם הזה אונ

אזוא

*) איינע וואנצע לעבט נור וויא צוא זאגין נור פון עפוש · אזוא האבין גילעבט אונזערע פאריגע דורות הן אין דיא ענינים פון זייער הכנסה אונ הן אין דיא ענינים פון זייער הוצאה · דאס הייסט גיזאגט זייא האבין גאנץ שמוציג אונ גאנץ וויניג פאר דינט · אונ גאנץ שמוציג אונ וויניג עס אוים גיגעבין אדער פערלעבט · דען זייא ווארען נור שיינקערליך · אדער האלבע סוחרים אונ גאנצע פאקטורים · צום גרוים האנדיל אונ צוא פאבריקין איז עס קיין מאל ניקומען :

אזוא אין ענתי עולם הבא מענשין וואס זיינען וויים פון רעליגיאן ·
פון מוראלי שרייבין ספרי התורות · בויען קלייזלאך · אונ אזוי גייט
עס מיט דעם קליידין · דאס איז אונזער גרייהמטע אונ גליקליכע
צייט · וואס האט אונז אויס גילערינט אלעם צוא ברויכין בעספאר
מיר פר שטייען וויא עס צוא בעקומען · דען נאך געניסין ניט
אונזערע קינדער איינע צייט גימעסע ערציהונג · ניין מיין בעסטער
כיר וועלין זייא שוין ניט קענען ארין טרייבין צוריק אין דיא
חאנצין ריצען (שפאלטען) פון וועלכע דיזע צייט האט זייא ארויס
גילאקט (ארויס גיבאוועט) · אזו איז דיא אנריקענדע ארמוטה
אונ דער גרויסער מאנגיל שוין בייא דער טיר · מיר ברויכען קיינע
ברילע אין צוא טאן · אונ פשיטא שוין קיינע מיקראסקאפע
(המאקטיווע) אום עס צוא דער זעהען · מיר בליקן עס שוין מיט
בלויזע אויגין · יעדע שטאט איז העכסט פאר ארעמט · נור דיא
איינציגע דייכע וואס גיפינען זיך דארט פאלין ארין גיבער אין
דיא אויגין אלס דיא טויזינט ארימע אונ נויטליידענדע · דאס
זעלבע זאגט דער מדרש אין אן היב במדבר «צדקתך בהררי
אל · צדקה שאתה מביא על העולם מפורסמת בההרים הללו ·
משפטיך תהום רבה · משפט שאתה עושה בעולם הזה תהום
רבה · מה התהום בסתר אף משפט שאתה מביא בסתר» · דאס
הייסט אזו · דיינע צדקות אונ חסדים וואס דוא טוסט מיט דעם
מענשין · דאס הייסט אלע גליקן וואס דוא גיסט אים · זיינען
בעקאנט אונ בעוואוסט פאר אלעמען · וויא דיא הויכע בערג
דען ווער וויים עס ניט דאס יענער אונ יענער איז אגביר ·
דיינע משפטים אבער דאס הייסט דיינע פסקים אונ פלאגין וואס
דוא טייהלסט אויס אונטער דיא מענשין אין דיזען לעבין למשל
קראנקהייטין אונ ארמוטה איז עס גאנץ סעקרעטנע אונ בעהאלטין
וויא דער טיפער אבגרונד וואס מען זעהעט אים ניט ·:

אין דער שטאט וואס איך וואוין אין אילון געפינען זיך
פיליייכט פינף פראצענט וואס זיינען אין פערמעגין אונ וואס
גענערין



גענערין זיך וויא גיזאגט גליידליך נור · דיא איבעריגע זיינען
ווירקליך אביונים אונ גינערין זיך הויל פון ווינט אונ שוועבין
אימער אין לעבינס געפאר אים צוא קומען פון נויט אונ מאנגיל ·
אונ דאס איז שוין אין אילון וואס מען זיט שוין דארט דיא
קינדער איינע בעסערע ערציהונג · דאס אירע אינגלאך אונ
מיידלאך פאר שטייען שוין צוא פאר דינען · וואס זאלין מיר
ריידין פון איין אנדערע שטאט וואס חייסין נאך נאר ניט וואס
זייא האלטין אין דער וועלט · פאר מערין זיך צוא זייערין
איינגעם אום גליק · אונ נאך מער צו אונזער אילונס אום גליק ·
דען עס פליסען צוא איר בעטלער פון פופציג זעכציג מייל אונ
פאר טרינקען איר מיט זייער ארימקייט וואס זייא האבין אין
געלט אין מוראל אונ אין שכל · דען יעדער באזונדער ברייננט
צוא שלעפין מיט זיך איינע אבשקראנטע (פינסטערע) אידעע
(רעיון) וואס פערפעסטעט איהרען ריינעם הארצאנט (קריין) °) ·:

מער נאך אלס אונזערע גרויסע שטעט ליידין פון דיזע
ברויט לויזע מענשין דיא אוים לענדער · עס איז מיט זייא פגל
גאנץ

°) מיר זעהען אשיינעם בייא שפיל פאר אונז פון דער
נאטור · דאס מען דארף נור אזו פיל קינדער האבין וויא פיל
מען קען גינערין · דיא הן האט צוואנציג הינדליך אויף איין
מאל ווייל זיא דארף דיא קינדער זעלבסט ניט גינערין דאן באלד
וויא זייא קריכען ארויס פון דער איי זוכען זייא זיך אליין
נאהרונג · דיא טויב האט נור צוויא אויף איין מאל ווייל זיא
דארף זייא גינערין · אזו אויך דער לאנד מאן מעג האבין
אפולע קינדער דען ער דארף זייא ניט גינערין · פאר קערט נאך ·
זייא הארעווען אויף אים · אונ נור אויף אים איז גיזאגט דיא
ברכה צוא האבין אפולע קינדער · אונ דאס ווארען מיר אלע
אידין אין ארץ ישראל · דען מיר ווארען דאן אלע עובדי אדמה ·
אבער אין דיזען שטאנד וואס מיר לעבין נור על פי רוב פון

גאנץ אוים לאנדשטייך לאנד־איינגלאנד־טירקייא־איטאליע־אמעריקע־
אונ פאר גיוויס איז דיזע אויס וואנדרונג נור אויס ברויט נויט אונ
עלינט · אונ העטען מיר איינע גוטע ערציהונג גיהאט · וואלטין
מיר דא אין רוסלאנד פיל רייכער אונ בליהענדער גיוועזען אלס
דיא דייטשע אונ איינגלענדישע יודין · דען ניט פאר געסט
דאס מיר יודין זיינען דיא מאנאפאליסטען (אליין הענדלער) פון
פערציג פונפציג יאהר גובערנעס וואס זיינען דיא בעסטע פון גאנץ
רוסלאנד · אונ וואס זיינען נאך פיל גרעסער אלס פרייסין ·
דארט בליט אונ גליט דער האנדיל · דיא יודין זיינען דארט
מיליאנערין גיווארין טראץ דעם וואס זייא האבין אין דיא
דארטיגע קריסטין גרויסע קאנקורענטין (בעגנער אין האנדיל)
אונ מיר לעבין דא אין שווער נויט · אונ ווען איינער פון
אונז ווערט שוין אקאפיטאליסט (מער דורך וואונדער אלס אויף
דעם נאטירליכין אונ גיוואונליכין גאנג פון גישעפטין) וואס דאס
טרעפט נור צווייען אדער דרייען אין אשטאט דאן · וויא דיא
ווארהיים צוא זאגין · איז ער ניט זעלבסט הער פון זיינעם פאר
מעגין · ער ווערט באלד בעפאלען פון ארימע קרובים · פון
קאלעקטין מאכער (נדבות קלייבער) · פון מחברים · פון ערכות ·
אונ אגרויסער טייל דער פון פאלט אריין לסוף אין דיא הענט
פון חברה קדישא · קורץ אום · אין אונזערע שטאט לעבין מיר
אידין נור וויא מען דער ציילט פון דער שטאט חלעם דאס
דיא זיינען אזו ארעם דאס זייא עסין טעג איינער ביא דעם
אנדערין · אונ רעכט האט איינער גיזאגט · ווען מען וואלט איין
גיקלעטט צווישען ערד אונ הימל אזו אהויכען לייטער חיא
יעקב אבינו האט גיזעהען אין זיינעם טרוים · וואלטין מיר קענען
בעזעצין

ווינט · איז אפולע קינדער קיין גליק פאר אונז בפרט נאך
טעכטער · וואס אויך איינע נור איז גינוג אום אירע עלטערין
בדלות צוא שטעלין מיט איר נדן אונ אוים קליידונג :



בעזעצין יעדין שטאפיל זיינעם מיט אבאזונדערין גראד בעטלער
אזו פיל האבין מיר זייא אונטער אונז ·:

עס איז וואר גישפראכין · האט זיך דער ר׳ יעקב אפ
גירופין · דאך וואלט איך וועלין הערין פון אייך מיט וואס
קען מען דיזען איבל אפ העלפין · אונ וואס רופט איר
ערציהונג · אויב איר מיינט דאס אלע קינדער זאלין גיין אין
דיא סקאלעס זאג איך אייך רונד ארויס · לא ירד בני עמכם ·
דאס הייסט איך בין ניט מסכים דער צוא · דען מיר זעהען דאך
וואס עס ווערט פון דיא אויס גישטודירטע · זייא ווייכין אפ אין
גאנצין פון דעם אידעשין דרך · נון הייסט עס מיר זאלין אויך
הערין אידין צוא זיין · אונ דאס פאר גיווים ווילט איר אויך ניט :

בעהיטע מיך גאט פון אזו אגידאנקען · האט זיך דער
ר׳ הלל אפ גירופין איך בין אין דיזעם פונקט ניט ווייניגער פרום
אלס אונזער גרעסטער רב · אונ בין נאך פיל לייכט נאך מער אלס
איר אונצופרידין פון אונזערע אויס גישטודירטע · אויב וואול
מיר זיינען אליין מער שולדיג אין זייער אבווייכין פון אידעשין
דרך אלס זייא זעלבסט *) · אלזו מיין פריינד מיין איך גיוויס ניט
אונטער דעם ווארט ערציהונג שטודירין · אונ צווייטינס קען
אונזער נאציאן גאר ניט גיהאלפין ווערין דורך דעם · דען אזוא
וואו עס טויג ניט פאר אונז דאס אלע אונזערע קינדער זאלין ווערין
רבנים · אזוא טויג נאך מער ניט פאר אונזער נאציאן דאס אלע
אונזערע קינדער זאלין זיין אויס גישטודירטע · דריטינס קענען
עס

*) בשעת מען האט גימאכט דיא ראבינער שול האט קיין
רעכטער מענש ניט גיוואלט געבין זיין קינד · אונ מען האט
גינומען אויף נעמען אלזו נאסין יונגען · וואס ווארען שוין גיניג פאר
דארבין פון פריער · אלזו האט איינער פאר פעסטעט דעם
אנדערין · נון גאט זייא דאנק דאס עס האבין איצט אן גיהייבין
צוא גיין לייטעשע קינדער איז שוין פיל בעסער :

עס ניט אלע בעווייזן · דען עס איז פאר בונדיק מיט גרויסע קאסטין · אונ ניט אלע זיינען שפאסאבנע דער צוא · אונ ניט אלע האבין דער איינע געלעגנהייט דען ניט אין אלע שטעט איז דא איין ראבינער שול · איין גימנאזיום איין אוניווערזיטעט · איך מיין אבער אונטער דעם ווארט ערציהונג · דאס יעדעס קינד זאל ערשטינס קענען ריידין אונ שרייבין איינגער מאסען דיא לאנדעס שפראכע דאס הייסט רוסיש אונ זאל ערצויגין ווערין פון זיינע עלטערין אונ פון זיין רעבין העכסט מוראליש אונ אין גאטס פורכט · אונ זאל אין חדר לערנען נור דיא נייטיגסטע ענינים פון אונזער דת אונ ביז זיינעם צוועלפטין יאר וואס דאן איז אין אונזערע יארין שוין די העכסטע צייט (אויב ער איז ניט ווירקליך ראוי צוא ווערין ארב) צוא מאכין פון איהם איין נוציגין מענשין · זאל ער וויסין שוין וואס אהיר איהם · אונ דאן מוז ער אויף גיוויזין ווערין פון זיינע עלטערין אויף איינעם געוויסין נאהרונגס צווייג (פרנסה) · ענטוועדער מען זאל מאכין פון איהם איין נוצין האנט ווערקער · אדער אריין געבין איהם אין אגעשעפט · אדער לערנען איהם א חכמה · למשל בוך האלטעריא · אדער מעכאניק · אונ דאס גלייכין · אונ דאן מאריש אין דער גרויסע וועלט אונ בעטין גאט דאס ער זאל איהם צוא הילף זיין · עס וועט שוין דאן אפען זיין פאר איהם דיא גרויסע רייכע רוסלאנד אונ וועט זיין איין ווילקאמענער גאסט וואו ער וועט זיך נור ווענדין אונ קערין דען דיא וועלט איז גינוג גרויס אונ רייך צוא גינערין אלעמען · מיר דארפין מיט אונזערע קינדער זיך ניט שלימער בענין ווי מיט אונזערע זילבערנע לייכטער וואס מיר טראגין אויף זייא אפראבע דאס זייא זאלין האבין אימער זייער גיוויסין ווערט · אונ סתהערייא מוז אויך גילערינט ווערין פון דער יוגינט אויף וויא איין האנט מארך" ;

"איך האב איך צוואר ניט מיט וואס איין צוא ווענדין אויף איינער רייד" האט זיך דער ר' יעקב אפ גירופין דאך גרויעס



(שרעקט) מיך פאר דיזין גידאנקען דאס אונזערע קינדער זאלין ווערין אזו ווייט אפ גערייסין פון לערנען · אונ וואס ווערט איר טאן מיט דעם פסוק "לא ימוש ספר התורה הזה מפיך והגית בו יומם ולילה" עס זאל ניט וויכין דאס בוך פון דער לערע פון דיינעם מויל אונ דוא זאלסט זיין אריין גיטאן אין איהם טאג אונ נאכט" ::

"אונ דיזעס מיך ליבער ר' יעקב לאזט זיך זייער לייכט איין ווענדין" האט איהם גיענטפערט דער ר' הלל · ערשטינס גיפינען מיר אין דער גמרא ירושלמי פון פאה אונ פון סוטה · דאס אלם מען האט גיפרעגט רבי יהושע בן לוי ווען מען זאל האלטין ריכטיג וויא דיזער פסוק זאגט · טאר מען דאך ניט לערנען קיין אומנות ? האט ער גיענטפערט · דאס איז גיווים ערלויבט דען דער פסוק זאגט אין דברים "ובחרת בחיים" דאס הייסט דוא זאלסט זיך אויש וויהלען איין אומנות פון וואנען דוא זאלסט לעבין · צווייטינס וואר עס נור גישפראכין צו דעם יהושע בן נון וואס וואר דאן אידישער נשיא אבער ניט צוא איינעם פריוואט מאן (צוא אפשוטין מענשין) . דריטינס לאמיר זעהען וואס ווערט פון דיא מענשין וואס זיינען קיינע האנט ווערקער · אונ פון דיא וואס זיינען לייזיג גייער · לא די וואס זייא לערנען ניט · זיינען זייא נאך על פי רוב מחוסרי לחם. אדער זייא פאר דינען זייער ברויט דורך רמיה · אלזו די האבין גיוויס קיין עולם הבא דען זייא טוהן שוין מרבה זיין אונ מאן אלע שקרים · אונ גייען אום אימער מיט פאר דרייטע קעפ אונ מוזין אימער חאנפענען דעם אנדערין · אן זעצין · אונ על פי רוב זיך אום וואלגערין אין גאטס וועלט · אונ אפטע נאך גנבענען אויך וויא עס טוען על פי רוב דיא אוים וואנדערער נאך פרעמדע לענדער וויא עס ווערט בעשריבין פון זייא אין צייטונג · דאס זייא בלייבין דארט אן אפונק רעליגיאן · דען דלות ברייגנט צוא פסלות · וויא שלמה המלך האט גיזאגט "ופן אורש ונגבתי"

ותנבתי ותפשתי שם אלהי׃ ווען איך וועל אהעם זיין וועל איך שטילין (גנבענען) אונ וועל מיך פאר זינדיגין גענין גאט ׃ גין מיין פריינד צוא וואש האט זייא גיפירט זייער פאר בלייבין אין חדר ביז זייער אכצענטער יאר אונ זייען ארויש אין דר וועלט נאטעם צוא לעבין פון דעם הוילען צופאל אונ שווינדיל וואש איז גראדע גענין אונזערין אידעשין דת ׃ וואש זאל איך מיט אייך פיל ריידין איר זייט דאך אייד אלמדן ׃ אונ ווייסט אלזו פון נאך פיל מאמרים פון גמרא וואש ווילין דורך אויש האבין דאש מען זאל ערציען אקינד אויף אזוא איין אופן וויא איך זאג אונ ניט אנדערש ׃

דיזער ויכוח האט גידויערט גאנצע צוויא שטונדין ׃ אונ האט זיך גיענדעט דאמיט דאש דער ר׳ יעקב האט מודה גיוועזן צוא דעם ר׳ הלל ׃ אונ דיזער ויכוח האט מיך ארויף גיבראכט אויף דעם גידאנקען ׃ צוא שרייבין דיזע ערציילונג וואש בעווייזט וויא וואר עש זיינען דיא ווערטער פון דיזען ר׳ הלל ׃ אונ אגב וועט דיר מיינע לעזערין דיזער גישפרעך גאר אן אלימען זיין פון גרויסען נוצין ׃ דען דוא וועשט שוין ווישין וויא דיינע קינדער צוא לייטין ווען דוא איינע מוטער ביזט אדער אין בעגריף (בכחה) עש צוא ווערין ׃ דען עש איז איין אלטער שפריך ווארט ׃ עש איז ניט דא אין דער וועלט אזו אשווערע זאך וויא אמוטער צוא זיין אונ דאך נעמען זיך עם אלע אן ׃

2.

(ר׳ ישראל שטיינמעץ מיט זיינע צוויא זין)

אין דער שטאט לעמבערג וואש גיפינט זיך אין גאליציען אונ וואש דיא דארטיגע יודין וואהרין מיט איהר צוואנציג נאך פיל ווייניגער צוויליזירט (אויש גיטענצילט) אלס אונזערע רוסישע ווייל דאש מעהר פון זייא זייגען חסידים וואש שטויסין אוועק דעם ערד באל (כדור הארץ) מיט גרויש פאר אכטונג פון





אונטער זייערע פיס אונ אריין צו פליהען מיט דעם לעבענדיגען לייב אין הימעל אין וועלכין (וויא עס שיינט) דייקן זייא נאך ניט אריין אונ לעבין אלזוי אין דער שוועבע (אין לופטין) האט דאן גילעבט דארט איין גיוויסער יודע וואס האט גיהייסין ר׳ ישראל שטיינמעצער ׃ ער וואר גיבאהרין פון רייכע עלטערין וואס זייען באצייטין גישטארבין אונ האבין דאך ניט איבער גילאזין פאר אים וואס צוא ערבין ׃ דען געלט אליין אן דיא מינדעסטע ציוויליזאציע ניסטעם (אויסבילדונג) איז נאך פליכטיגער (וויעטערענע) אלעם דער פיינסטער (זובפילסטער) גאז וואס קיין געסיר (ניפעס) אונ מיין פעסטער אונ גישמיטעטער קופערט איז גינוג גידיכט דאש עס זאל עס ניט פערדונסטין (אויס וויעטערידען) אין אגאנץ קורצע צייט ׃ זייער רייכטום האט נור ביז גיטראגין (מיט גיבראכט) צו דעם ר׳ ישראלס פערצערטעלונג (פערציהונג) ׃ דען ער וואר ערצויגין וויא איין יונגער גרעפיל אין גרויס וואהל טאג וואס ווייס פיל צו גיברויכין אונ גאר ניט צו פארדינען אונ איז אלזוי גיבליבען נאך דעם טויט פון זיינע עלטערין וויא גיוואונליך ביא אונז יודין איין יונגער מאן פון איהר צוואנציג בעלאסטעט מיט איין פאמיליע ׃ איינע פרויא מיט דרייא קינדער אן איין מינדעסטען אויסזיכט זיך צו גינערין ׃ אונ האט אלזוי אויס נויט גימוזט ווערין פריהער אקאלעקטאר ׃ אזו איין גאהרונגס צווייג וואס טראגט איין גאנץ קנאפע פרוכט ׃ אונ דערצו נאך איז עס פארבונדען מיט גרויס מיא אונ פעראכטונג ׃ דען עס באשעפטיגין זיך דערמיט דארט זויא ביא אונז נור קאץ אונ סוין ׃ האב הייסט אסטאטנע מלמדים ׃ אונגליקליכע שדכנים אונ אזוי אויך אלטע פרויען וואס טראגין אגב ווייבערשע שאלות אונטער זייערע קאטינקעס צו דיא מורה הוראות ׃ אונ אלעם דיזע וואר אים ניט גינוגינד ׃ דען ער וואר איין אומגליקליכער שפילער ׃ אונ פלעגט זיך מוזין צאך דער ציהונג באהאלטין אפאר וואכין פון זיינע קונדין וויא איין שדכן פון דיא מחותנים צו

תנאים · אבער וויא איין אידישער דאקטאר צו דער לידה · ווייל ער האט יעדען קונד זיינעם פארשפּראכען דאס ער וועט גיוויזען אונ ניט איינער פון זייא האט אזא גיטראָפען וואס עס קאסט אים זיין געצעטיל · אונ אלעס ער האט איינגיזעהען דאס פון דיזער פרנסה קען ער זיין לעבען ניט ציהען · האט ער איינגישלאגען דעם גיוואונליכען וועג (ארויף גיגאנגען) וואס עס שלאגען איין אלע אידישע פונגיבצען וואס שטאפען אב (קומין ארוים) פון אונזערע גיפאלינע אונ מיט גיזונקינע ארויסטאקראטין · ער האט זיך אויך גילאסטעט אויף דער גיפיינדע (אבציפטווא) · ער איז גיווארין איין משגיח איבער דיא היזער אונ איבער דיא קרעטער וואס זייען שייך צו צדקה גדולה · אונ האט גיהאט בערך פון פינף ביז זעקס טאלער אוואך דער פון · אונ דאס דורך גילעבט דר מיט שיינע עטליכע יאהר מיט גרוים גוט : דער צו נאך האט ער גיהאט גאנץ גינוג ארבעט · אום איינצוזאמלען דיא דירה געלטין · צו פארדינגען דיא וואהנונגען · דיא קראמין · אונ לאזין ראפארירען · אונ ביי אלעם דעם האט ער נאך אוים גיזעהען אין שטאדט פאר א האלבין כלי קודש אונ פאר איין גאנצין מקבל · דאס ער האט גימוזט צו ליב דעם שראגין אויף זיך איין פרומע מאסקע · אונ צו ערציהען זיינע עלטערין אינגיל מאסקין ווידער זיינעם ווילען גאנץ נאך דער אלטער מאדע · דען וויא אויך דיזער ר' ישראל האט סעהר גיהערט צו דער אלטע וועלט אלס צו דער נייע · האט זיך אים דאך גיוואלט געבין זיין מאסקין אפילו בעסערע ערציהונג · אלעם זיינע עלטערין האבין אים גיגעבין וואס ער לייד דר פון ווייער פיל אין זיין גאנצין לעבין · דען ער האט קיין שפראך אין מויל אונ קיין פען אין האנד · האריזעט פיל אונ ביי אלעם דעם הייסט עס אין שטאט דאס ער עסט גינאדין ברויט · מאנכער זאגט דאס ער נעמט צופיל שבירות אונ איין אנדערער מיינט גאר דאס מען ברויכט גאר קיין משגיח צו האבין איבער דיא היזער פון

צדקה



צדקה גדולה ווייל מען קען זייא פארדינגען צוא איין פאסעסאר אויף זיינע אפּאראצעס :

האהער אום זיך צו דער האלטין אויף דיזע שטעלע וואס וואנקט (שאקעלט זיך) שוין פון דער ערקסטער מינוט אונטער זיינע פים · האט ער אים (דעם מאסקין) גימוזט שטיקען נור אין חדר ביז זיין זיבענצעהנטין יאר · אונ ניט לאזין לערנין אייטיקען למוד · אונ פשיטא שוין פון צו באזוכין אשולכיל · וואס וואר דאן דארט פיל טרייפער אלעס איצונד ביי אונז : דען דארט איז דאך איין חסידישער עלעמענט (יסוד) וואס האט די מינדעסטע אויפקלערונג · וויא איין דיב דאס דיא שיין פון איין האלבע בראסינע ליכטעל · דר צו נאך האט דער מאסקע גיהאט א גאנץ גוטין קאפ · אונ האט זיך גינומען זייער גוט צום לערנען האט ער (דער פאטער) אלווי גימיינט פיליכט וועט אים דאס לערנען אליין ברייגין צו א תכלית · דאס הייסט ער קען ווערין פיליכט א רב אמאל · גאר אמוויניגסטין קען זיך שרעפין אין באלין אויף אים וואש וועט אים חאפין פאר א חתן :

אלווי מיינע טייערע לעזערין ! גינוג אויסזאגע שוין דאס דער מאסקע איז גיבליבין איין גאנץ קורצער אבער נור איין גאנץ קורצער אונ ניט מעהר : דען אין זיין זיבענצעהנטין יאר האט זיך גירעכט גיפונען איין באלין אויף אים · איין רייכער אקסין הענדלער וואס האט אים פאר שראבין צוא געבין נדן א שטאלער מיזונה אונ איינציגע טאכטער קאסט · עם וואר א תנאים איין גרויסארטיגער · אבער נור וויא דאן וואר דיא מאדע בלא ראיה דאס הייסט התן כלה האבין זיך פריהער ניט גיזעהען : אונ דאהער איז גיווארין דער שידוך צו וואסער אונ דער צו נאך מיט איינעם שלעכטין ערפאלג (תכלית) פאר דעם מאסקע · דען ער האט גיהאט דאס אומגליק ניט צו גיפעלין דער כלה וואס וואר שוין איינער מאסען גיבילדעט דען אין יענע לענדער פלעגט זיך אין יענער צייט צו גיין מיט דער בילדונג גאנץ אומגעקערט וויא

איצונד

איצונד ביא אונז דאס מען האט גראדע מיידליך יוא גיבילדעט אונ אינגליך נים · אונ עס איז איר אלזוי נים גיפעהלין זיין גאנצעם באנעהמין זיך ביא איהרע עלטערין אין שטוב אלעס זיי האבין אים אפ גיאבגעבט אויף אשבת חנוכה · צו זיך באלד נאך תנאים · דער צו נאך זייגע אונגוויסענהייט · אונ האט גיזאגט דיא עלטערין איהרע רונד אוים דאס זיא וויל אים נים · אונ ער גראדע האט זיך פארליבט אין איר איבער דיא אונערין · אונ האט אלזוי דורך דעם פארלארין דעם אפעטיט צום רעדין · אונ פלעגט צו בלייבין זיצין אין בית המדרש אדער אין חסידאהנע איבער דיא גמרא וויא איין פריימענדער פילאזאף וואס איז פאר טיפט אין גידאנקין אום צו דער גיין דעם שטיין דער וויזען *) דען אזוי זייען אימער דיא נאכוויהעגעס פון איין גיקרייגקטע ליבע · אונ וואר אלזוי דורך דעם גאנץ פארגעסין פון דער שדכנישע וועלט · וויא עס איז שוין אזוי איינמאל דיא זיטע דאש דעם ביכען וואס מען ווארפט אים שוין איין מאל ארוים פון מויל עקילט שוין דעם צווייטין עס אונטער צו שלינגען :

פון נאך חנוכה ביז פסח האט זיך אונזער מאטקע אפ גילאנגווייליט אין דעם בית המדרש וויא איין עקסטער במלן וואש שאקילט זיך איבער דיא גמרא נור צום שיין (לפנים) · נאך פסח אבער וואר ער שוין פול אין אלע אזוי גיפפינגע גוטע ערטער · דאס ביא דעם איספוסק פון טייך אום זיך צוא באדין · דאס ביא אשמאטרע פון דעם פולק · דאס ביא דעם אדגיאך פריא אונ מארגין צו זעהען זארעס · אויך ביא טאג אום צו זעהען וויא עס ביים זיך דיא וואך · אויך פלעגט ער זיך אפ צו שטיין שטונדין



*) דער שטיין דער וויזין הייסט די העכסטע חכמה פון דר אלכעמי וואס מען האט גיגלויבט צו אומוואנדלין דורך איר קופער אויף גאלד · אייזין אויף זילבער · אונ אזוי אויך פון אנדערע מאטעריאלין :



גאנצע ביא דעם ברעג פון דעם ביג אום צו צו זעהען וויא מען פאננט פיש · אונ אום צו באקוקען אגראסין פלעגט ער זייער אפט פלעטין אקעז · אונ וויא מיר ווייסין דאס לעדיג גיין איז דיא מוטער פון אלע זינד · איז אונז שוין לייכט צוא פארשטיין דאס אונזער מאטקע האט זיך נים אפ גישטעלט ביא דיזע קליינגקייטין · האט אנגיהויבין צו שפילין אין לאפעצקעס (באב אונ צור) · דער נאך אין קערטלאך · אונ איז זיך אלזוי פאמאליינקע פארקראכין אין העכערע גראדין פון הולטייסטווע · דאך וואר עס אלץ גישעהען מיט האלב שטאטעקידען ער האט נאך גיהאט אב שיי פאר דעם פאטער וואס פלעגט אים זייער שטארק מוראלעזירין (מוסרען) :

דיזע שלעכטע אויפפיהרונג אונ דיא צוועקלאזיקייט (אן תכלית זיין) פון דיזעם מאטקין האט שוין איינגיגעבין דעם פאטער גינוג מוטה אונ פארשטאנד · צוא געבין זיין צווייטין זון דעם איינערין וואס האט גיהייסין הערשקע איין פיל בעסערע ריכטונג · קוים איז דאש קינד אלט גיווארין איאר צוועלף האט ער אים ארייין גיגעבין אין אקליין שולכילע וואש מען לערינט דארט לעזין שרייבין רעכנען · אונ אין זיין פופצעהנטין יאר האט ער אים אפ גיגעבין אין אפאבריקע פון ציץ (פערקיילין) וואש דער פאבריקאנט וואר איין טייצער איין גיוויסער הערמאן קאספער · עס האבין דארט מעהר אלעם הונדערט קינדער גידינט דאך וואר נים איין אידעש קינד אונטער זייא ביז אהער · מעהר אוים אידישער מניעה אלעם אוים דעם פאבריקאנטם מניעה · דיא יודין האבין נים גיוואלט דאש זייערע קינדער זאלין זיין צו זאמען מיט קריסטליכע קינדער אונ אויך אונטער איין דאך · אזוי זוייט פאנאטיס (ווילד) ווארין אונזערע אידען דארט :

דעם ר' ישראל שטיינמעצערס פרויא וואס האט גיהייסין דבורה אונ וואר צווואר איין קלוגע אונ אויך איינער מאסען גיבילדעט · האט אזוי נאר איהרען מאן אפ גישלאגין דר פון "מוא

עס ניט, האט זיא צו איהם געזאגט, דוא קענסט דאך דעם איהם
דיין ברויט קומען: דיא שטאדט וועט דיך וועלין פאר שטייגען
דער פאר: ניט פארגעסען, דאס דוא ביזט איין האלבער בעל
קודש: אונ מען וועט דיך פר גיוויס אפ זאגין פון דיין שטעלע:
אונ דר צו נאך וועט מען דיך האלטין פאר איין אפיקורס, דוא
האסט פיליכט רעכט מיין פרויא, האט ער איר געענטפערט, עס
איז אלעם צו גלויבען אויף דיא פאנאטיקער: דאך דיא אלעם
דעם ערעקט עס מיך ניט אפ: דען דאס חאיל פון אונזער היגע
איז מיר פיל ליבער אונ טייערער אלעם אונזער שטיקעל שטונציגע
ברויט וואס טויזענד אויגען קוקען אויף איהם: פארגינען עס מיר
ניט: אונ וויא פיל קען עס נאך האלטין: עס וועלין הערען וויא
עס הערט זיך באלד גייא גבאים איבער צדקה גדולה וועלין זייא
מאכין זייערין אקרוב: עס האט מיר שוין דיא שטעלע זייער דער
עסין: דיא וואש ווינצען מיר ביין זאלין דינגען אין איין אידישע
זאוועדעניא: לא די וואש מען האט קיין אויסקוקינגעם דר פון:
איז מען נאך יעדען גרויש אין דיא אויגען: הער וואש עס וואר
גישעהען אלעם איך וואר אין בדק הבית ביא דער אסיפה
וואס האר דארט וועגין דיא קאראפקע: האט מיך איינער פון
דיא אסיפה לייט געפרעגט וויא פרייא איז עס: אונ אלעם איך
האב איהם געענטפערט איך ווייס ניט: האט ער זיך אפ גערופען
שטייט איר זאלט עס ניט וויסען? איר זייט דאך דער שטאדט
זייגער זעלבסט (דאש איז געמיינט דאס איך זייג אוים דיא געלט
פון שטאדט) דיזער שפאס וואס איז מיר אריין אין צעהענטין
ריפ: דען אלע האבען דער בייא זייער שטארק געלאכט: ניין
ליבע דבורה: איך דארף אונזער קינד ניט אפפערין (מקריב
זיין) פאר דיזען שטונציגען אונ שמאלען ביסען: דיר וועלין
שוועבעליך מאכין וועלין מיר שוין אויך לעבין חרפה און אוזיים:

זאל שוין זיין אזוי, האט זיא זיך אפ גערופען צו איהם, אונ
וואס



וואס וועסט דוא אבער מיט דיינעם געוואלטיגען שריט (טריט)
איינהאנדלין? שון ביזט דוא איבער צייגט דאס דוא וועסט
אונזער הערשילען גליקליך מאכין דר מיט? דר וויל זעהען מיר
דאס ער דער בעסטער ארבייטער נעמט אכט טאלער אוואך: אונ וויא
פיל צייט דארף מען עס זיך לערנען ביז מען קומט צו אזוי
אגראדע: אונ צו גיווינען וויא וועסט דוא מאכען מיט דעם שבת:
ניט פר געסען עס ווערט דאך אין דער פאבריק געארבעט אום
שבת אויך: אלזוי קיין מאן מאך מיט אונזער הערשילען קיין
אויסנאהמע לאז אים זיין איין פאטער מאכער וויא אלע אונזערע
אידלאך וואש האבען שכל, ניט צוועגען דאנה ווערקער צוא
באורדינען צעהען מאל אזוי פיל אלעם דער בעסטער ארביטער
אין דעם צייג פאבריק: נאך האט ניט איינער פון זייא אהויף
גיקויפט: אלעם איין האלבע שטאדט הויפין זייען אלין אידישע:
זייא לייען געלד ביא דעם אידען: אבער ניט דער איד בייא זייא:

מיין טייערע דבורה, האט ער זיך אפ גירופען צו איהר, איך
האב אמאל אויך אזוי געמיינט וויא דוא ווייל איך וואר נאך
אפריץ אין גאטעס וועלט: אונ האב איך געקענט נור אויבער
פלעכליך אויצונה, אבער האט מיך דיא הארטע ערפאהרונג שוין
אוים גילערינט אריין צוא קוקין מיט אנדערע אויגין אין איר
אונ מיט טיפערע בליקען אלעם פאר הער: זיין מיין ליבע פרויא:
אונזער אידישע גביר לעבט פיל שלימער אלעם דער מינדעסטער
קרעמער מיט האנד ווערקער אונ אויך פיל אונזיכערער מיט זיין
אוים קומען אונ פיל אונרוהיגער פאר אים: אונ איז נאך דר צו
איין פיל גוצלגבערער מענש אין דער וועלט אלעם איין
אונטערפאטרעגער: סוחר וואס מיר יודען זייען עס בעגאהע אלע
דען בע אבטמצען אדער צוואנציג יאהר זייען מיר דאך נור יונגע
פרושים: אונ ווייסען ניט פון דער וועלט מעהר אלעם לומט
טעבטער וואס האבען געמיינט דאס דורך דעם אונטער גאנג פון
סדום

סדום אונ עמורה איז מער ניט געבליבען אמאנס שפור אן דער וועלט נור זייער פאטער אליין · אונ דאן הייבען זיך אן צו האנדלען נאר אן אשום פארקענונגים · אונ שארין טערר דעם קוויישען אלעס מיר טוהען אונו נוזעם · מען הייבט אן על פי רוב דעם נישעבט מיט הקפות אונ מען ענדעט מיט אבגאנגאם · אונ דיא קורצע ראלע פון עבירות וואס מיר אידען שפילען הייבט זיך אן מיט דעם נאמען עולה אונ ענדעט זיך באלד מיט דעם נאמען זרד · אונ ניט בעסער גייט עס מיט אונזערע הויפען · דען דיא סטרא אין לעמבורג העלבער אידישער הויף איז דיין פון שאדין אונ הועלבער איז ניט פארשריבען אויף דיא חייבם נאמען ·

יא דער קריסט לייעט ביא אונז געלט זאגט דיא · ווא וויא איך גיים · טוט עס קיין זאליידע קריסט (שטאטסקאנצלער על פי רוב איין קארטען שפילער · אדער גלאט איין לעבע מאן דען אויף צו לעבען איין שטילעס מעסיגעס לעבען האט יעדער ערליכער קריסט · דען עס איז דאך יעדערער פון זייא אויף גיוויזען שוין פון זיין קינדהייט אן · אויף אגעוויסן באהרונגען צוויי · וואס עס פאסט פאר זיין גראד · דען כשם וויא דער גרויסער טוט ניט נאך ביא זיי דעם קליינעם · אזוי טוט ניט נאך ביא זיי דר קליינער דעם גרויסין · ניט אזוי איז עס אבער ליידער אזוי ביא אונז אידען · דער קלענסטער וויל נאך פון דעם גרעסטין הן עניני עולם הזה אונ הן אין עניני עולם הבא · מען שעמט זיך מיט אמלאכה וויא אויך מען נידעריג איז · דיזעס אלס האב איך ערפאהרין פון דעם לעבין פון אונזערעס זיידע עלטערין · דאס זייא זיינען גיוואורין עולים אונ יורדים אין אקורצע צייט · אונ וויענדיק זייער שמארק פארבלענדעט פון זייערין מאטעמאלנעם (מיטמנעם) גליק · האבין זייא אונז גימאכט פאר פוסטע אריסטאקראטין וואס מיר טוינין ניט אקאץ איין עק צוא פר בינדען :

אלזוי



אלזוי אונזער הערשילע סט פאבריקאנט ווערין · ער ווערט האבין איהם ברוים · אונ צום ברוים · אונ פיליכט נאך אמאל פאבריקאנט זיין דען ער האט אנגעטאן קאמ · אונ אגאנץ שיינער זונג · ער ווערט אונז דאנקען אמאל · אונ פיליכט ווערט ער נאך אמאל אונז ניגערין אויף · ער עלטער וויא אמאל יוסף זיין פאטער אונ וואס דעם שבת איז נגע · מענטש דוא בעהאלטן ווייבער זיין דאס אגנוער · ון ווערט אום שבת קיין ארבעט מאן · דען אין דיא צייט פאבריקען ווערט ביצאלט ניט פאר מטאגע נור ווערליג דיא ארבעט · בפרט וואס איך בין באקאנט מיט דעם הערמאן קאספער · דען ער וואר אין גוטער פריינד פון מיין זעליגען פאטער וואס פלעגט אים צו שטעלין פארב אין דער פאבריקע · איך וועל ביא אים אלעס אוים פירבען :

דער הערשילע איז אנגיקומען אין פאבריק אונ האט זיך זייער פעסט גינומען צו דער מלאכה · אונ דער הערמאן קאספער האט גיזעהן אלזוי גינג · אורזאך אום צו פרידען צו זיין פון אים · דען ער וואר זייער ארבעטזאם · גיהארזאם (גיפאלגט) · אונ האט אין פערלויף פון אפאר יאר איבער גישטיגען אזוי גאר דיא יעניגע וואס דינען שוין דארט דרייא יאר · ער האט דורך גינומען זייער גוט דיא מעכאניק פון דיא מאשינעריא אונ האט ניהאט איין גרויסע גישיקליכקייט אין דיא הענד · דאס ער האט שוין באקומען אבט מאלער אמאנאט ניהאלט · ווערהרענד זיין ברודער דער מאטקע · וואר נור איין ליידיגער מאגע דיב *) איין פאצטין טרעגער איין מופתים דר ציילער אונ צו גלייך איין בונפתים

---

*) איין מאגע דיב הייסט אזוי איינער וואס באנגבעט דיא שטונדין פון טאג · דאס הייסט פארברייגנט זייא אין גאר ניט · אונ דאס איז דר מיין וואס יעקב האט גיזאגט (נגנבתי יום וגנובתי לילה) ער האט גיזאגט אויף מיר דאס איך בין איין מאגע דיב אונ איין נאכט דיב · אונ אזוי ערקלערט עס אויך דער מדרש :

פופתים צו הערער און בית המדרש אדער אין חסידיארנע וואש
ער האט הערט זיין גלויבין גיהאט גאנץ גינוג · ווען דיזע ערטער
זאגן זיין אוילע (גרי מקלט) פאר אלע טויגניכצען · איבעם
... פאר אונצופרידענע אידישע פאר יונגע לייט וואש
האבען נאך יערען פים (רעבען נים גוט) מיט זייערע פרויען · פון אמיר
... וואו דיא שטיפמוטערס לאזין זייא נים זיין אין שטוב צו וואשען
מיט דעם לאבין ברויט · פאר אנוועצערס פון אנדערע שטעטלעך
און ווער דעם שנין פון גלאט דער וואקסינע בחורים ארימע און
... וואש האלטען שון נים ווייט פון חתנים צו ווערין ·

א מיינע טייערע לעזערין גלויבע דיינעם שרייבער וואש
דאר אין זיינער יוגנד אויך אצלען פון דיזער בונטען (קאלאריטין)
גיזעלשאפט · גלויבע אים דאס ער דיר איצונד זאגט · דאש
קיין קלוב אין פאריז · קיין קלוב אין לאנדאן אין פעטערסבורג איז
נים אזוי אנציהענד און אינטערעסאנט ווייא דיזע צווייא ערטער
עש ווערט גירעט פון גאט און פון לייטין · עש ווערין בארעט
אין שוינוג מתנגדים אדער חסידים'ס נאכדעם צו דיזער ארט איז
איין בית המדרש אדער א חסידארנע · און אין ביידע באנאנד
ווערט בארעט און גישאלטען דיא אזויא גינאנטע בערלינער · מען
רעט איבער דיא הויכע פאליטיק · איבער מלכים ווייא איבער
רבנים און רבאים · איבער בייזע גזרות · איבער מלחמות וואש
הערט זיך · מען רעט איבער דיא נגידים · מען שאצט אפ וואש
יעדער האט פארמעגען און באלד דארויף פון זייערע אידישקייט
דער צו נאך ווערין נאך צוא גישאטין איינינע ערציילונגען פון
שדים · פון חלומות · פון פוסטע מילען און פון אנדערע חורבות
דאש זייען אלערליא ספורים וואש פארזעצין דעם גלויבינגן הארכער
אין גראדע צווייא אנטקעגען ניזעצטע גיפיהלע אין שרעק און אין
ביטערקייט · דיא קרעך דעם קראצער אין שמערצין און אין
פארגניגען ·

אויך



אויך איז קיין הויפטרעסטאראציאן (טראקטיר) אין גאנץ אראפא
צו פארגלייכין צו דער ריסטעראציאן (טראקטיר) וואש גיפינט
זיך אין דיזע צווייא קלובען · נאש איז אלע צוקער גיבעקין נעגין
דיא דארמונע גיבאקטע קארטאפיל · טאם איז דנא ... זאגע
נעגען דיא דארט גיוואהינע באבעם · ארבעס · און וואש איז דיא
גרוישע לאמעריא גענין דיא פלעטונג פון אספר הבריות · פון
אגוסטין נהורא הגדול און אפטער נאר פון אקעז · קורץ דער פון
עם אין דארט אנאנצע נעלם · און בין אלוי בייא זיך גאנץ
גיוזים ווען דיזע צווייא הייליגע ערטער וואלטין גיוועזן נאך אין
דיא צייטין פון אונזערע חכמים אך אזוי איין עלינדען צו שטאנד
וויא איצונד וואלטין זייא פאר געדים נים גיזאגט (אם פגע בך
מנוול זה משכהו לבית המדרש) ווען זיך באגעגינט דיזער
שטיצינער יצר הרע שלעפ אים ארין אין בית המדרש · דען מיר
זעהען דאך איצונד גאנץ אומניקערט · דאש דער יצר הרע נאר
שלעפט דעם מענשין אין דיזע צווייא ערטער · דען דארט נור
אין זיין הויפט קוואטיר · דען וויא דיא נאהרהיים צו גאנץ פאר
דיר מיינע טייערע לעזערין · דאש אין מיין לעבין האב איך נאך
נים אזוי גישמאק גישלאפין וויא אין בית המדרש אויף דעם
הארטין באנק · און נאך נים גיגעסין קיין שפייז מיט אזוי איין
אפעטיט וויא דיא דארטיגע קארטאפיל · און קיין פריילעבע און
בעסערע שטונדין פאר לעבט וויא אין דארטיגע גיזעלשאפט · וואש
די צייט פערליערט צוגעטר איבער איהרע רעכענונג און די לאנגע ווינטער
נעכט גייען דארט נאך פיל קירצער אלס דער דוזער פון היינטיגע
חתונות אבער בעסער צו זאגען אלס דער דוזער פון איין מענשינס
לעבען ·
איך דיזע מאטעריע נאר אצגען פון דן ביינערלייא פיינדליכע
זאכען וואש היינט פון דעם מתנגדישען בית המדרש און
פון דער חסידארנע · און וואר איין פריינגער בעזאבער פון זייא
ביידין קיין וואנדער דאש דיזע ענג נאר הערסט זאווענטע ·

ער

ער פלעגט זיך אין דער היים גאנץ ווייניג פאר זאמען · קוים אפ
גיגעסן מיטאג היידא אהין אדער אהער אום נור ניט צו זיין דעם
פאטער אין די אויגן וואס פלעגט אים איבער צו שטראפן און צו
זידלען · דארט וואר אים וואהרעם · דארט וואר ער ניט הונגעריג ·
דארט האט ער קיין שלעכט ווארט גיהערט · און קיין גוט ווארט
גיזאגט דאס הייסט ניט גילערינט · אויך ניט שוין גידאווינט · דען
בשעת מען האט גידאווינט ביי די מתנגדים איז ער גיוועזן ביי
די חסידים און אלס מען האט גידאווינט ביי די חסידים וואר ער
ביי די מתנגדים :

3.

„די נאכט פון הושענא רבה"

די נאכט פון הושענא רבה און אזוי אויך דער גאנצער
טאג פון הושענא רבה" גלייכט זיך אין זייער כאראקטער צוא
דער פיזיגנאמיע (געזיכט) פון איין קינפעט קינד · דען וויא דיזעס
גייט איבער זייער לייכט פון וויינען אין לאכין · און פון לאכין אין
וויינען · אזוי גייט איבער דער הושענא רבה זייער לייכט פון
טרויער אין פריידין און פון פריידין אין טרויער · דען באלד
מאכט מען אין אים דעם ניגון פון יום טוב און באלד דעם ניגון פון
ימים נוראים · אין מאנכע ערטער ווערט אין דער נאכט פון
הושענא רבה שטארק גילערינט גיבעטין גיוויינט למשל וויא ביי
אונז אין ווילנא ווערט גיזאגט דאן אין דער גרויסע שול סליחות ·
און אין מאנכע ערטער ווערט נאר אפ גיריכט שמחת בית
השואבה" קלפות גימאכט · די ווייבער גייען גיקליידעט ווייס
וויא אום ראש השנה און יום כפור און וויינען די אויגן רויט
ביי דער תפלה לייכט מאכין · און די מענער מאכין זיך די
באקין רויט מיט אגלעזילע משקה · קורץ דר פון עס איז אין אים
איינע צעררייטונג (דרייעניס) וויא אין דעם אפריל וועטער · דאס
איינע שטונדע גלייכט ניט דר אנדערע און איינע שטעלע דר צווייטע

אזוי



אזוי גלייכט זיך ניט אין דיזער נאכט איין שטונד צו דר אנדערע ·
אין איינער ווערט גיזאגט · אין דער צווייטע ווערט גיקראנט ·
אין דער דריטע ווערט גיזונגען און אין דער פערטע ווערט
גישפרונגען · און באלד דארויף גאנץ אומגיקערט · וואו פריהער
גיוויינט וואר שוין גיזאנג גיהערט :

דאס זעלביגע וואר דאן מיט איר דרייסיג צוריק אין
לעמבורג · עס איז נאך אויך אזוי גיוועזן · דאך אבער איז נאך אין
קיין הויז קיינע נאכט פון הושענא רבה אזוי ערינסט און טרויעריג
צו גיבראכט גיווארין אלס איצונד אין די הויז פון אונזער ר'
ישראל שטיינמעצער :

דאס הויז פון דיזעם מאן וואר אם עק שטאדט לעבין בוג
אין איין איינגיפאלינעם הויף · און ער וואר אלזוי דער איינציגער
איינוואוינער און אים · ער האט דארט גיוואוינט אום צו זיא
אויפזאבין ערשטינס ווייל די וואוינונג וואר אים גיגעבין כמעט
אומזיסט · דער אייגנטהימער פון דיזער דוזין (חורבה) וואר דער
פאבריקאנט הערמאן קאספער וואס עס האט ביי אים גידינט
זיין איינציגער זון הערשקע · ער האט אים אריין גילאזין אהין
אום דאס ער זאל אכט האבין איבער דעם הויף · דאס מען זאל
ניט צו שלעפין פון דארט האלץ · ציגעל און אנדערע מאטריאלין ·
צווייטינס האט אים דר צו זיין פרנסה גיצוואונגען · דען באלד
וויא ער האט זיין הערשקען אפ גיגעבין צו דעם הערמאן קאספער
אין פאבריקע האט מען אים אפ גיזאגט פון זיין שטעלע וויא זיין
פרויא האט אים פאר הער פוהד חלום גיזעהן · דען עס האט עס
דאן דארט אוים גיזעהען וויא ער זואלט דעם אינגיל אוועק
גיגעבין אין דער כפירה · בפרט נאך עס האט נאך אן ציינגער
אויך ניט גיפעהלט · איינער האט דער ציילט דאס ער האט
גיזעהען וויא דער הערשקע טוט האדט אום שבת · איין צווייטער
האט דער ציילט דאס ער האט אים גיזעהען דארט שטיפענדיק
מיט איין שיקסעל · איין דריטער האט מעיד גיוועזן דאס ער

זעלבסט

זעלבסט האט געזעהן וויא ער עסט דארט טריפות: עס האר
אבער דיזע רייד געוועזען וואר וויא דיא רייד פון דעם יוסף וואס
ער האט גערעדט אויף זיינע פרומע ברידער פאר זיין פאטער יעקב:
נאר מיט דעם אונטערשייד יוסף האט אם ווייניגסטען געמיינט
דאס זיינע ברידער טוען עס ווירקליך וואס ער דעם אויף זייא
(וויא אונזערע חכמים שרייבען עס) אונ דיזע באראדירע האבען עס
נור אויס פורעם האס געשפראכען: אדער אום אויס צו צייכנען
זיך דערמיט פאר פרומע לייט: דאס זייא נעהמען זיך אן פאר
גאט אונ מען האט זייא געגלויבט וויל מען האט עס געוואלט
גלויבען: אום צו האבען איין אורזאך לויז צו ווערין פון דעם די
ישראל: אום צו באזעצין זיין שטעל מיט איין בעלבעררין: אונ מען
האט אים אפ געזאגט פון זיין שטעלע וואס וואר אים שוין לאנג
פריער דריקענד וויא מיר האבען שוין פריהער געשריבען:

ער איז אבגעזעטצט פון זיין שטעלע אונ איז געווארין וואס ער
האט נאך פון פריהער געהאט בדעה צו ווערין: איין שוהעביל
מאכער: אונ וויל שוהעבעלאך מאכין וואר גוט ערלויבט אין דער
שטאדט גופא וואר ער שוין געצוואונגען צו בעציהען דיזע
וואוינונג אין דיזעב ראיאנע (חורבה) וועגן אויך עס וואר אים צו
וייט פון שטאדט:

ער האט זיך פון דיזער נייע פרנסה גענערט צוואר גאנץ
קימערליך: דאך וואר ער מיט איר פיל מעהר צופרידענער אלס
פון דער פריהעריגע פרנסה זיינע וואס האט אים געזעהן מעהר
קצבה אלס פארדינסט: אונ עס האט אים געקענט פיל בעסער
זיין אין נייעם געזעם געשפטיל: ווען זיין עלטערער זון דער מאטקע
וואלט געווען איין מיט ארבעטער: דער מאטקע אבער וואר עס
נים: עס האט אים שוין איינמאל פאר שמעקט דאס לידיג גיין
אונ איז געבליבען איין וויצנער לידיג גייער: ווען עס וואר
אונמעגליך איין שטונדע ביא דער ארבעט צו זיצין: דר. צו נאך

וואר



נאך ער צו שטאלץ צו זיין איין שוהעביל מאכער: אונ פלעגט צו
ווייכין פון שטוב וויא איין דיב וייבט אוים דעם אשטראג
אין נים אזוי אבער וואר דעה השכלה לבה: דעם וואס ער
וואר איין פלייסיגער ארבעטער אנגעצויגן מאג אין פאבריק: אונ
דאס אלין געלט אפגעגעבין דיא עלטערין אמט רגביל מאנאטליך:
פלעגט ער נאך זיך אונטער צו זעצין שפעט אין דער נאכט
לערנין זיינע עלטערין אונ זיין שוועסטער בלומע אום צו העלפין
זייא ביא דער ארבעט: אונ ער וואר זייא אלוי איין גרוישע
שטיצע אין לעבין אונ אויך לאבזאל אין זיינע קעסער) דען ער
האט זיך אויך געפיהרט זייער גוט מיט גאס אונ מיט לייטין זיינע
שבתים אונ זיינע ימים טובים פלעגט ער זיך צו פאר בריינגען אין
דעם הויז פון זיינע עלטערין: דאס הייסט ביא דער זיידע פון זיין
פאטער וואס האט דאן מיט אים געלערנט אונ בינאבגען דאונגען
אונ וואס האט געהאט דיא פריידע צו זעהען וויא דיא מילער פון
זיינע פיבד זייען צו געשלאסין: פיל זייען אים בתקנה: דאס עס
ווערט פון זיין הערשקען אפטישער מיסטער מעהר פאר אלעם
האט אים געפרייט צו זעהען וויא ער איז העכסט גיאכט אונ
געליבט ביא זיין פרינצעפאל וועדן ער (דער הערשקע) וואר נים
רעהידירט (אונטער זוכט) ביא דעם אורעק זיין פון דער פאבריקע
אהיים וויא אלע אנדערע יונגע ארבעטער צו טראגין זייא נים
מיט זיך אוועק איין עטוואס פון דיא מאטעריאלין: פארבין אדער
צווירען: וויל זיין פרינצעפאל וואר שוין אבגעציינט פון זיינער
ערליכקייט: אונ ער וואר אים אזוי ליב דאס ער האט אים
ערלויבט צו זיין איין צו העהער פון דיא לעקציאנען וואס ווערט
געגעבען זיין זון אין מאטעמאטיק אונ אין דער חעמי: אונ אין
צייכנען: אונ דער הערשקע האט גימאכט אין דעם גרוישע
פארשריטע (פעולות) דאס אין פערלויף פון פיר יאר פון זיינעם
זיין אין דער פאבריקע וואר ער שוין אין שטאנד צו מאכין איינגע
כוסטערן אונ וויא אנצושטעלין דיא פארבין: אונ האט שוין

באקומען

באקומען צוואנציג מאלער אמאנאט גיהאלט · נור אהעלפט דער פון פלעגט אוועק צוא גיין ביא אים אויף לעהרער אונ אויף ביכער · דען עש האט אים דאך גיפעלט אין גאנצין דיא שפראכקענטניסע · אונ איין שיינע האנד שריפט:

נוא מיינע לעזערין · מיר האבין אונז אביסעלע צו פיל דער ווייטערט מיט דיזער שילדערונג פון דיא צווייא קינדער פון דעם הויפט ציל דיזעם קאפיטעל וואש איז באצייכינט מיט דעם טיטול · דיא נאכט פון הושענא רבה · דאך זאל עש אונז ניט גערייען (פארדריסען) דען עש ווערט אונז דר פון גרויסין נוצין זיין ווערבסט פאר דיא אונטערע האנדלונג פון דיזעם קאפיטעל · וואנסט וואלט זיא אונז אין מאנכע שטעלין דונקיל גיבליבען · אלזוי מיר קעהרין אונז אום צו דעם פונקט וואו מיר זייען גיבליבען שטיין אין דער שילדערונג פון דיזער וויכטיגע נאכט · דאך אבער איז נאך אין קיין הויז קיין הושענא רבה נאכט אזוי ערינסט אונ טרויעריג צו גיבראכט וואורין אלס וויא דיזע הושענא רבה נאכט אין דעם הויז פון ר' ישראל שפיגעלגלאס יא דער ביא זייען מיר דארט גיבליבען · אונ נון ווייטער:

דיזע הושענא רבה נאכט פון וועלכער דא דיא רייד איז וואר אין דעם פינפטען יאר נאך דעם הערשקעס אנקומען אין דער פאבריקע · אונ אזוי אויך נאך ר' ישראלס אפ טרעטין פון זיין שטעל אונ איז גיווארין איין שוועביל מאכער · פינף יאר איז איין וויכטיגער קאפיטעל אין איינעם יעדען מענשינס לעבין · אונ פשיטא שוין אין דעם לעבין פון איינעם יעדען יודין וואש זיינע שלעסער זייען גיבוים אין דער לופטין · זיינע גישעפטין זייען נאך פיל מעהר אונשטאנדהאפטער אלס דיא וועלעלע דעם מערעס: אין פינף יאר מיזערט ער (הולעניצעט ער) °) צעהען מאל מעהר

אלס

°) הילעניצען אדער מיזערען הייסט דאש פערעהין אוים פאלין פון דיא הינער · אדער די האר פון דיא בהמות אלע יאר:



אלעס איינע הון אין צעהען יאר (נאטע בלנע ווען מען וואלט לאזין אונז לאבען זיך פאר זאמען צין דיזעס לעבען) דאס הייסט ענדערט זיך שטאנד · באלד רייך · באלד ארעם · באלד נעבער באלד נעמער · נון וואס זאלין מיר שוין ריידען פון אונזערען ר' ישראל שטיינמעצער · דיזע פינף יאר וואס זייען איבער גענאנגען איבער אים פון יענער צייט אן ביז דיזער נאכט האבין איבער געלאזען הינטער זיך טיפע שפורען אויף אים · דען וויא אויך דיזער מאן וואר העכסט גענוגנאם (אין שמח בחלקו) אונ גאטעס פירכטיג ביא אלעס דעם האבען אים דיזע פינף יאר זייער ווייט מיט גענאבען (נעווירקט צום שלעכטען אויף אים) · ערסטענס האט דאס שוועבעלעך געשעפט זייער שטארק געווירקט אויף זיינער שוואכען געזונדהייט · ער האט דער פון איינע ברוסט קראנקהייט בעקומען · אונ אזוי אויך זיינע פרויא האט זיך ווייניג געליטען דער פון · צווייטענס האט ער זיך זייער שטארק גענערעט אונ געקלעמט פון זיינעם מאטקען דאס ער איזט אוים געוואקסען איין וויכטלינג · זיין לעבטיגעם מיט צליד אויף דער מענשהייט · אן גאטעס פורכט · אן כאראקטער · בעצייבענט יעדען טאג מיט איינען אנדערען דומען שטרייך (שטוקע) · דען פון לייזיג גיין קומט קיין גוטעס ארויס · אונ איזט דער צו נאך אזוי ווייט אנטפערשעמט אפ צוא היטען יעדען אנביסען · וואדעמעס אבענד ברויט ניט איינטונקענדיג (וויא צו וואשען) איין פינגער אין קאלטעס וואסער · עסט אפ וויא דר פעטער עשו האט אפגעגעסין דיא לינזען · אונ מאכט זיך באלד פון שטוב (אנטלייפט פון שטוב) וויא איין עקזיקוטאר · דאס עס פלעגען דיא עלטערען זייער הערץ אויספרעסען · אונ דער נחת וואס זייא האבין גיהאט פון דעם הערשקען וואר ניט אין שטאנד צו פארגיטען זייא פאר דיא קלעמונג וואס האבין געהאט פון דעם מאטקען · דען איין קוטער ווענט איבער טויזענד פריידען · דאהער קיין ווונדער האט עס איז גיוונ פאר איין צדיק איין קורצעס לעבען אום אפ צו קומען אין אנס אין דיזעם עולם פר זיינע ביזלע עבירות ·

ציזאך (מא"ה) גיכל ווערענד

ועת־רענה (בשעה) דער רשע מוז לעבען אפילו לייגער אום צוא
מקבל שכר זיין אין דיזעם עולם פאר זיינע ביסעלע מצות וואס
ער האט גיטאן ־ ווייל צרות קען מען האבין אין אנדערע צייט פיל
מער אלעס נחת אין אלאנגע צייט :

אין דיזער נאכט ־ וואר דער ר' ישראל ־ זייער ערקעמט
(קראנקע) געשריבעם · ערסטענס ווייל דער דאקטאר וואס ער וואר
ביי אים אין היינט חול המועד צוא בעראטהען זיך מיט אים
וועגן זיינער געזונדהייט · האט אים זייער שווער געמאכט זיין
הארץ ־ איר זיים זייער שוואך אנגעגריפען · האט ער אים געזאגט
און ווען איר וועט נים אויפהערען צו מאכען שוועבעלאך בעקומט
איר דיא נאראפיגעניע שווינדזוכט (געשווינדטע דער) ...

צווייטענס האט אים אין דיזען טאג זיינע פרויא דערציילט
דאס מיידכען וואס ארבייט ביי זייא אין פאבריקעל
שוויינערט פון דעם מאכען זייערע · בענגג אורואך איינעם ערליכען
טוואבען באן ווייא איינער ר' ישראל וואר אים אום זיין לעבען צו
פערהיטען · אונ צו דינקען אליו אין דיזער נאכט וואס איזים אין
איר דער גמר חתימה מער פון יענעם לעבען אלעס פון דיזעם :
אונ האט דארום זיך בעשפראכען מיט זיינער פאמיליע ווייא איין
גאנץ געפערבטעסטע מאן פאר ז״בנים טוים : בייא דיזעם געשפרעך
וואר אבער נור דיא פרויא זיינע דבורה · זיינע טאכטער פלומע
איין בילדשיינעם מיידכען פון איאר וועלכען אונ זיין זון הערשקע
אונ איין אלטער גוטער פריינד איין געוועזנער ר' הירש ציטערקעסער איין
נאהנטער שכן · איין ת״ח אונ איין פרומער מאן ...

... הערשקע וואר שטרימיש ראנגעריק אונ קאלט · אין שמות
מארעס ציבבינג אונ ליבבינג · ווייא זייגען זיך אלע געזעסען ארום
טיש וואס וואר בעלייגט מיט ספרים · אונ דער בייא אקאן קאווע
מיט טאשקעס · אלע וואורען רעליגיעז געשטימט · נאר פאר אלעמען
אבער וואר עס דער ר' ישראל · דאס בייא דעם פראנדליבען
צו שפרוך · פון דעם ר' הירשען בייא זיינעם גוטען צוטראלאטאש





קאווע הלוי · אויף אבער נאר מיר אלע אין גאנצען · איזט בייא
דעם ר' ישראל ארויס געפאלען פון דיא אויגען צוויא גרויסע
טרערן · אונ צו וואס איז דאס גוט · האט דיזער געפרעגט דער
גאס וואס ווארט מיט איך ביז אהער וועט דאך ווייטער זיין
מיט איך אויך :

איך דאנק איך מיין פריינד · האט זיך דער ר' ישראל
אפ געריפען · פאר אייער וואורט · דאך קען דיזער טראסט מיך
נים בערוהיגען · דער צאום דאס איך זאל געוואלט ווערין
מת · דער בורא ברוך הוא קאן נאך מיט אלעם איין וואונדער
אונ דאס בין איך געוויס נים נעריש · וואס זאלען מיר אונז נארען
איר זיים דאך קלאר אין מיינער לאגע · נון דאכהטעט מיר פון
וואס זאל איך פריהער לאבען צו פון הינטער צוא פון דער
שווינדזוכט דען איר ווייסט דאך דאס דער דאקטאר האט מיר
פארבאטען שוועבעלאך מאכען אונ ווערבסט נים זיין אין דעם
ארט וואו מען מאכט · אונ פליכט נאך נאר פון
שאנדע · א מיין מאכע מיין מאכע ! מיין קיצור ימים ·
איצונד איז ער מיין ליבהאבער מלאך המות · וואו איזט
ער איצונד ? · האט זיך אנגערופען דער ר' הירש · וואס פרעגט
איר ליבער פריינד אויף אים · ער איז דארטען איצונד וואו ער
איז אלע מאל · בפרט נאך אין דיזע נאכט מוז ער פראגען
דיא לאמענאציעס · אונ האט דא אנגעזאגט דא אפירעסקע ·
אונ וואס דער פאטער מאכט מיט דער נשמה איז נים זיין
דאגה : נאס זייא דאנק דאס איך וועל שון נים פיל מיטש
און מאכען אויף דיזער וועלט (נים פיל לעבען) אונ וועל שון
שטארבען געוויס · פריער אלס ער וועט זיינע פערדינטע שטראפע
בעקומען · דען היינט מארגען וועט מיט אים קיינע גוטע ענדע
נעמען · א דוא מיין הערשעלע · דוא דיא איינציגע שטיצע פון
מיין לעבען · דיא איינציגע פריידע מיינעם הערצענס · בעטריבע
דוא זיך נים אין מיינע האפנונג אויף דיר · בלייבע מיר פיר

צימער. בראוו! און עולוך? ווייבע ניט פון העם איהעשען ווען
הטע דיין בעליטאן. העט נור ווי איין ליטענער שטערען
אין דער אינדערע (וויסטעניא) דעם לעבעדיגן? איין קאמפאס
אויף דעם שטורמישען? מעער פון דעם עולם. און ווי פירט
דעם מענטשען אין זיכערען האווען איין? אונזער העליגיאן (דת)
איז שווער און לעסטיג נאר פאר דעם אונוויסענדען. פאר איינעם
גלייטפער (צבואק) אבער ניט. פאר דעם חכם וואס איז דער צו
איין וואהרער ירא אלקים און וועלכער וואהרער חכם איז עס
ניט? דיינע דייטעם הערען זיא דיינעם גאט גאנץ אויפריכטיג
בתמימות? וויא איין עכטער גוטער פריינד וויא יוסף דעם
פוטיפר און דער נאך דעם פרעה? וויא שלמה זאגט אין זיין
משלי (נוצר תאנה יאכל פריה ושומר אדוניו יכובד*) דאס דער
וואס היטעט אפ גוט דעם פייגענבוים געניסט די פרוכט זיינע
און דער וואס היטעט אפ זיינעם הערען ווערט געעהרט ווערען.
אלזו זעהען מיר דאך דייטליך. דאס גאט גלויבט דעם וואס נור
דינט טרייא זיינעם הערען. נאר אן איין אונטערשייד צו דער
הער איז יודע אדער ניכט יודע וויא דער פוטיפר און פרעה
תארי און פשיטא דפשיטא דאס מען טאר ניט פאלש שווערען
צו איינעם ניכט יודען, דען מיר זעהען דאס גאט האט געשטראפט
דעם צדקיהו פאר-וואס ער האט פאלש געשוואוירען צוא דעם
נבוכדנצר:

איך

*) עס לאזט זיך דער ביי פרעגען ווארום זאגט שלמה
געראדע איין פייגענבוים ווארום ניט איין אנדער פרוכט בוים?
איז דער תירוץ: דאס דער פייגען בוים רייפט ניט (צייטיגט ניט)
זיינע פרוכט אויף איין מאל-נאר ביסלעך ווייס און יעדער-וואס
ווערט צייטיג מוז באלד אראפגענומען ווערען. זאנסט
פארווערעמט עס. מוז מען האבען אלזו די גרעסטע אויפזיכט
דער ביא:



איך פאלגע איך אדריין אין דער אדיכה? האט זיך אפגערופען
דער ר׳ הירש צייטשריבער: איך וויל ביא דיזער געלעגענהייט
וואס בייא איך פרעגען פאר געוויס האט איך רעכט דאס
אונזער תורה וויל דרך ארץ אום דאס מען זאל זיין איין ערליך
וועלבסט געגען ניכט יודען און פיליכט נאך מעהר אום קדוש
השם וועגען. נון ענטפערט מיר וועה וואס וואר דיא געשיכטע
מיט אונזער יוסף וואס ער האט פאלש געשווארען מיט
פרעהם לעבען דאס זיינע ברידער זיינען מרגלים (חי פרעה
כי מרגלים אתם)?

אמעהר פרעגט איינע גרעסערע קשיא האט זיך דער
ר׳ ישראל אפגערופען צו אים וויא קומט יוסף הצדיק אזוי
ווייט צו קרייגקען זיין טייערן פאטער דורך דאס איינצען
זיינע קינדער דורך איין היילען בלבול דאס זייא זיינען מרגלים
און דורך דאס בערלאנגען פון אים אויך זיין טייערן בנימין?
און נאך מער פרעגע איך ווארום האט יוסף ניט געשריבען
באלד צו זיינעם פאטער דאס זיינע ברידער האבען דיך פערקויפט
פאר איין שקלאפע? פאר געוויס וואלט ער אים אויסגעקויפט:
און ווארום האט ער דער נאך ניט דער פרייט זיינעם פאטער
דאס ער איז מיניסטער געווארין? און ווארום האט ער זיינעם
ערסטען זון נאך אנאמען געגעבען מנשה? וואס דער טייטש איז
דער פון פארגעסען דאס השם האט מיך געמאכט פארגעסין
מיין עלענד און מיין פאטערס הויז. פארגעס עס ניט און שרייב
צו דיינעם פאטער. דען מצרים פון ארץ כנען איז גאנץ נאהענט
קוים פערציג מייל און דאמאל וואר נאך דא קאמוניקאציע פון
מצרים קיין כנען נאך פיל לייכטער ווי היינט. ווען דאן האט
מען נאך געקענט פארן מיט וועגין און קאמעלען וויא מיר געפינען
דאס יוסף האט נאך דער געשיקט וועגען אום זייא אפ צו
נעמען פון כנען און איצונד ווערט געפארין פון כנען קיין מצרים
און פון מצרים קיין כנען נור רייטענד אויף קאמעלען: און אין

איז דא אין מכירת יוסף נאך מערערע פראגען :

איך וועל אייך די ווארהייט זאגען · האט זיך דעה ר׳
ישראל אפ געראפען מיר ווארע עס קשה שוין פון לאנג · אין האב
איך עס גאבגעשווכט במעט אין אלע מפרשים און האב קיין תירוץ
מספיק געפונען · אזוי ווייל איך הערען וואס איר זאגט דארויף ·
איך זאג דארויף גאר ניט · האט זיך דער ר׳ ישראל אפגערופען
נו · איך וועל אייך זאגען וואס איך האב אמאל געהערט דאריבער
פון איינעם אורלטער סוחר וואס איך בין מיט אים אמאל צו
זאמען געפארין אין איין בריקע פון אראב קיין גרויס־ווארדיין
ער וואר א גרויסער למדן און א גרויסער חכם · איך האב מיר
אן געהערט פון אים גרויסע אמתיות און ווארען מיר אזוי חביב
און וויא איך וואלט זיי געהערט בסיני :

ער האט מיר געזאגט · דאס דיא גאנצע געשיכטע פון
מכירת יוסף גרינדעט זיך נור אויף איינער אראבישע געזעצע
וואס וואר דארט אין דיא ארצות הקדם (מארגענלאנד) · שוין
דאן גילטיג וויא איצונד · דאס ביי דיא הירטענפאמיליען וואס
ציהען אום מיט זייערע העררען (נאמאדען) אין דיא שטעפען
פון איין ווייטע פלאץ צו דעם אנדערען ווייטע פלאץ וויא
אונזערע אבות דאן · האט דער פאמיליען פאטער דאס וועלכיגע
רעכט פון איינעם קיניג צו שאפען איבער טויט און לעבען ·
און ווערט פון זיין פאמיליע געעהרט אויך וויא איין קיניג · ביים
דער וועלכיגע רעכט האבין זיך בענוצט אויך אלע אונזערע
אבות אברהם יצחק און יעקב · דען ביי אברהם געפינען
מיר דאס ער האט געפירט זיין זון צו דער עקדה · יעקב
האט געשווארין ביי דעם פחד (עהרע־פארכט) פון זיינעם פאטער
יצחק וויא מען פלעגט צו שווערען ביי דער עהרע פון א קיניג
וויא דער פסוק זאגט (הנשבעים במלכם) · יעקב האט געזאגט
(עם אשר תמצא את אלהיך לא יחיה) ביי רחל דעם גנבת תרפים
דיך נאם יענע ווערט ניט לעבען · דאס הייסט איך וועל יענעם

טייטן



טייטן · יהודה האט געזאגט (הוציאוה ותשרף) מען זאל זיא
ארויס פירען און פאר ברענען · ראובן האט געזאגט צו
יעקב (את שני בני תמית) אין פאל ווען איך וועל דיר ניט
אפבריינגען דעם בנימין זאלסטו מייגע צוויא קינדער טייטן ·
אלזו געגען בעווייזע דאס אונזערע אבות וואהרען קליינע קיניגע
אין דעם קרייז פון זייער פאמיליע · דאהער אלעס יעקב האט
זיך געפונען בעליידיגט דורך דעם טרוים פון יוסף · און האט
אויף אים געוואלדיג אן געשריען מיינסטו דאס איך און דיין מוטער
חלילה און ברידער פאר דיר · און האט אים באלד דארויף
געשיקט צו זיינע ברידער וואס דער פאטער האט קלאר געוואוסט
דאס זיא זיינען אים בלוט פיינדע · וויא דער פסוק זאגט
(ויגער בו וגו׳ ויקנאו בו אחיו ואביו שמר את הדבר) דיא ברידער
האבען אויף געבראכט אויף אים · און דער פאטער האט עס
זייער גוט געמערקט *) דאס זיא זיינען אים פיינדליך · דא האט
יוסף געמיינט · דאס דער פאטער איז אויף אים זייער בייז דאריבער
און שיקט אים דאהער צו דיא פיינדליכע ברידער אום ער זאל דורך
זיא זיינע פארדינטע שטראפע בעקומען · ווייל דער פאטער
אליין האט קיין לב דער צו · און איז געבליבען אזוי אין דער
מיינונג דאס דיא מכירה זיינע איז געשעהען אויף דעם וואונש
פון דעם פאטער · דאהער איז שוין קיין וואונדער דאס ער האט
שוין צוא זיינעם פאטער ניט געשריבען פון זיינע פריידען און
ניט פון זיינע ליידען · און עס איז שוין אויך רעכט וואס ער
האט דעם ערשטען זון זיינעם אנאמען געגעבין מנשה וואס
צייגט אויף איינע אייביגע פערגעסענהייט פון זיינער פאמיליע ·
דען ווער נאך איז אזוי פערגעסען פון זיין משפחה וויא דער וואס

ווערט

*) דאס ווארט שמר איז דא ניט דער טייטש היטען ·
נור מערקען · בעאבאכטען אזוי ווי (ודלי שומר את פיהי ענוי הצאן
השומרים אותי) וואס דארט איז ניט אנדערש וויא אזוי דער טייטש :

גערט פארקויפט פון אזה אלטן פאר אין שקלאפע, דער האט
שוין געווים קיין שייכות מער צו איר: אונ אזוי איז אויך קיין
וואונדער: דאס ער האט זיינע ברידער בעהאנדעלט ווי א פרעמדע:
אונ האט זיך ניט ערבארעמט איבער זיי צו ליב דעם פאטער
וואס (ווי ער האט געמיינט) איז דיא כבודה גושעהן ניט געגעבן
זיינעם ווילן: אונ דאס וואס ער האט געזאגט אז זיי מרגלים
האט ער ניט געמיינט אלס איין בלבול, אהער איין נאפאסע:
נייערט ער האט זיי ווירקליך געהאלטען דער פאר: דען אזעלכע
לייט וואס קענען איבערהער פאר קויפן זייער שוין פעהיג
(שפאסאבנע) צו מאכן אנדערע פערברעכען אויך: ער האט זיי
אנגענומען גראדע פאר מרגלים ווייל אום קאנען קויפען אליין
בעהאלטען זיי ניט דארפען קומען זייערע צעהן פון איין שטוב:
אונ האט אזוי שוין נאך זייער מיינונג בנאהה געשאדעט (חי
פרעה כי מרגלים אתם):

אונ ערשט דאן אלס ער האט זיך שוין איבערצייגט אויך
קלאר אזוי פון זייערע ריד: אונ אזוי דורך דעם בעטען: אונ
דורך בעטן אליין דאס דער פאטער טרויערט נאך אים אונ
באוויינט זייער שטארק: דאן האט ער זיך בעקענט צו זיי:
אונ ביי אלעם דעם האט עס דעם יעקב זייער געקרענקט דאס
יוסף האט אים אזוי וויט חושך גוועזען דאס ער האט זיינעם
עלטערן זון אנאמען געגעבן מנשה: עס האט אים אזוי וויים
געקרענקט דאס ביי זיינעם בענטשן יוספס קינדער פאר זיין
טויט האט ער ניט געוואלט ארויף לייגען אויף אים דיא
רעכטע האנד:

א ליבער ר' ישראל האט זיך אפ גערופען דער ר'
הירש אונ האט מיר גאר דיא אויגען געעפענט אין דיזער פרשה:
עפענען זאל איך גאט דיא טויערן פון געזונד אונ פרנסה אויף
דעם גאנצען יאר: עס איז נאבתיך איין חדוש נפלא צוה האט
עס געהערט פון אונזלגער ניט אומזיסט האט דיא אונ אשם

אין



אין דער וועלט אונ מיט זיך אסור דער מאנט איך אביסעל
הינט וואס ציינען שוין פאר דארט איהרע לומדים וואס
תוהים אומגהם:

אזוא מיין ליבר פריינד האט שוין יוסף ניט פאלש גשווארין
ביים פרעה'ס לעבן: ער וואר אים איין טרייער בעמטער: אזוי
מיין קינד בלייב אויך ביי דיינעם פרינציפאל... אונ איך
בענטש דיך דאס דוא זאלסט ביי אים נושא חן זיין אונ האבן
הצלחה אין דיין ליסוד דאס דוא זאלסט ערהייבען (דערגרייכען)
דעם ציל נאך וועלכען דוא שטרעבסט (ואנגסט זיך נאך) צו ווערן
איין טעכניקער פון איינעם ציץ פאבריק:

אונ ווייל איך האב שוין אנגעהויבען צו רעדען מיט דיר
איצונד מיין קינד עפעס ווי איך וואלט מיך שוין מאכען
פארטיג צו דער גרויסע רייזע פון וועלכע עס האט דיך נאך ביז
העה קיינער ניט אומגעקערט וועל איך שוין מיט דיר ווייטער רעדן
אין דיזעם טאן דעם ווירקליך ביז איך שוין צו דיזע רייזע פארטיג:
מיין לעבענס ליכט האלט שוין ביים דעם אויסלעשען אונ וויל
בענוצען דער ביי דיא געלעגענהייט פון דעם ביי זיין פון
מיינעם אלטען גוטען פריינד: איך וויל דיר בעשרייבען אין
דיינעם געגענווארט ערשטענס: דאס דוא זאלסט מיט התונה
האבן ביז דוא וועסט ניט ווערן וואס דוא מיינסט צו ווערען
מיט גאטעס הילף. דאס הייסט איין טעכניקער: דאמיט דוא
זאלסט דיך קענען ערליך גענערען דיך. ביין. פרויא אונ
דיינע קינדער וואס גאט וועט דיר געבן: דען אזוי וויל אונזר
תורה. דאס מען זאל זיך פריער אויס לעבען א פרנסה בכבוד. אונ
דער נאך התונה האבן: דיא גאס טוען אבער פארקערט. שאדין
זיך אונ שאדען דיא וועלט: אונ אזוי (עתיד ליתן את הדין) פאר
דעם וואס ער האט קינדער געבראכט אויף נאכטס וועלט:
אונזערע חכמים זאגן אויף דער ברכה (אשר יצר את האדם
בחכמה) דאס דיא חכמה בעשטייט דאס ער האט פריער

בעשאפין

בעשאפען אלע הצטרכות זיינע אונ ערסט דער נאך האט ער
אים בעשאפען · אלעס דער פסוק דער ציילט. אונז פון אותבם
גליך רעכענט ער פריער אויס זיינע עשירות דר נאך די קינדער ·
אונ אלעס ער האט אים געשטראפט האט ער ביא אים צוא
גענומען פריער די עשירות דער נאך די קינדער · דען קינדער
אן אפפערטיגען איז אויך א שטראף · אונ לסוף אלעס ער האט
אים ווידער גליקליך געמאכט האט ער אים פריער געגעבן עשירות
אונ דער נאך קינדער · דען אזוי איז עס דאס וועלכעס דאס
גליק מוז אויך זיין מיט איינער ארדענונג :

צווייטענס בעשווערע איך דיך דאס דוא זאלסט ניט
התגאה האבין פריער פאר דיין שוועסטער : אונ בעפאר דיין
טאכטער וועט ניט זיין אין שטאנד צו לעבין פאר זיך : דאס
הייסט ניט מיט דיר אין איינעם · דען איך וויל ניט דאס
דיזע ביידע זאלין זיין בווא דיר אין שטוב אזוי נאר ניט אין
שאג נאך דיינער האכציים · וייל נאך האב איך ניט געזעהען
דאס אבנר זאל קענען מיט א שוועגער אונ שוועגערין זיין צוא
זאמען · אזוי מוז דיין טאכטער פריער בעזארגט ווערדען פון
דיר מיט איינער געוויסער הספקה אדער מיט איינער קליינער
פרנסה בכבוד :

דריטענס בעשווערע איך דיך דאס ביז דוא וועסט
דיך פערהייראטהען זאלסט דוא וואוינען בעזאמען מיט דיינער
מוטער · ערשטענס וועט דיר אלץ קאסטען פיל וועלפעלער ·
צווייטענס וועסט דוא האבין איינע גוטע השגחה אויף זיך · אזוי
אין די ענינים וואס זיינען שייך צו דער געזונדהייט אונ אזוי
אין די מאראלישע ענינים (פרומקייט אונ ערליכקייט) · דען די
יוגענד לאזט זיך לייכט פערפיהרען · זיא מוז האבין איינע עלטערע
פערזאן פאר וועלכע זיא זאל זיין מחויב אפ צו געבין רעכענונג
פון איר געלט אונ פון איר צייט · אונ וועלכע פערזאן איז

פאסענדער



פאסענדער דער צו אלעס איינע מוטער · אונ בפרט נאך וויא
דיינע וואס פאר שטיים צו בעהערשען דיך נאך מיט ליבע :

וואס אנבעטריפט (נוגע) צו דיינעם ברודער מאטקען ·
לוינט זיך ניט דיא מיהע צו ריידען אין גוט ווארט מיט די
חעין אים · דען איך וויל אים דער ניט צו בעלידען (אייפלאסטען)
פון מיינט וועגען מעג ער זיין האלץ האקען · איך אלעס פאטער
האב אים געמיינט רוהיר ן · דוא אבער אלעס איינגערער ברודער ·
איז ער אויף דיר גאר ניט חל ומכל שכן דאס ער איז ניט ווערט דאס
מען זאל אויף אים הוצאות האבין ווען ער זעלבסט האט עס
ניט איבער זיך · דער צו נאך האב איך דיך שוין מיט מיינע
רייא פאריגע פערלאנגונגען גענוג בעלאסטעט · אונ דוא ביזט
נאך גאנץ יונג · אונ דיינע פערדינסטען זיינען נאך גאנץ
קנאפ · אונ צוא בעשרייבען (מספיק צוא זיין) אלע דיזע
קאסטען · נור איך האפע דאס דער גאט וואס איז צו הילפע
צו יעדער גערעכטע זאכע וועט דיר איך העלפען צו שטיצען דיינע
מוטער וויא ווייט מעגליך איז ·

ביא דיזעם ערסטען געשפרעך · וואש מאר געשפראכין
אין דעם טאן (סגנון) פון איינער צוואה איז געוועסען דיזע
קליינע פאמיליע · ווייב טאכטער אונ זון מיט געברעסטעטע
הערצען אונ האבין געוויינט ביטערע אויגען רויט · אונ עס האט
גענוג געדויערט ביז דער הערצעלע האט דיא שפראכע געפונען
אונ וואר אים שטאנד צו ריידען אום צו בערוהיגען אים אונ
אום אים צו ערקוויקען מיט באלזאמישע האפנונגען אויף לאנגע
יארין אונ בעססערע צייטען · אונ עס האט דיזעם יונגען
קלוגען מענטשען געגליקט צו פערשייכען (פערטרייבין) דעם
טרויער וואלקן פון אלעמענס געזיכטער · אונ בעק האט אנגעהויבין
צו דינקען פון יום טוב · דיא פרויען האבין זיך גענומען צום
באקען צום האקען · אונ דיא מאנעס לייט האבין אנגעהייבין
צו שפרעכען פון וואס פריילייבערעס · אונ אזוי איז זיך דיא

נאכט

נאכט פון הושענא רבה דארט ביי איין קומטע אלעס אין פרידען
פערשטריכען (ניט איבער געגאנגען) · דען וואס גייט ניט איבער
ליידען, ווא פרייבען; ווי זיא קומען אזוי אויך גייען · און
בלייבען ניט פער אימער שטייגען:

## 6.

### דיא דרייא שווערע פראבען

פאס גרעה הושענא רבה אס זיך פאר איבער געגאנגען, און
אזוי אויך באלד נאך איהם דער שמיני עצרת, און דער שמחת
תורה, און מיט זיא צו גליק איז פערשוואונדען דיא לעצטע
שפור (שלאך) פון דעם זומער; און זיינע פלאץ איז דער נאסער
האט איינגענומען, דער אונפריינדליכע הערבסט מיט זיינע טריבע
טאגען, ערד, היממעל גראבע בעלייגט מיט וואלקען, און דער
קאלטע אונהיימליכע נאסע ווינד (צפון ווינד) האט אפגעפליקט
אללע בלעטער פון דיא בוימער און מיט זיא צו גליק פילע
שווינדזיכטיגע קראנקע וואס אונטער זייער צאל וואר אויך אונזער
ר' ישראל שטיינמעץ; דען ער איז צווייא וואכען אין הקדש איבער
געשטארבען · בייא זיינער לעצטער שטונדע נור געווען צו זעהען זיינע
פרויא הבוחה, זיינע טאכטער, בלומע און זיין זון הערשעלע,
אבער ניט, דעם פאטער; דען ער איז באלד נאך ימים טובים
אוועק פון לעמבערג מיט אלע צוג פייגעל צו גליק*); ער איז
אנטלאפען אויס שאנדע צו ווערען פאטער אהנע איינע הייזאט
אין זיינע געבורטס שטאט, און דיזעס האט אויך פיל בייא
געטראגען און בעשלייניגט (גיכער געמאכט) דעם פאטערס
טויט

*) צוג פאגעל ווערד אנגערופען אלע פייגעלאך וואס ציהען
אפ פון אונזערע לענדער אין דער הערבסט צייט קיין אפריקא
דאס זיינען למשל בוצאנעס, ווילדע גענז, גראטעס
באסטערקעס, קאזראנקעס, שוואלעבען



טויט · ער איז אוועק און קיינער האט נאך איהם ניט געבענקט
ער האט קיינעם ניט געפעהלט · זיין פלאץ אין זייער טאלען
(וויסטען) געזעלשאפט · האט באלד איין אנדערער באזעצט
איינגענומען · דען לעמבערג האט האן מעהרערע · זיין
גלייכען געהאט:

דיא לאגע פון דיזער קליינע און ארעמע פאמיליע וואר
העכסט מיסליך (שלעכט) · דען פון שווערעלאך מאכען וואר שוין
קיין רייד · דען דיא מוטער וועלכע דיא שוועסטער ווארען
אויך אנגעריפען דער פון דאוויאן פאר דער האנד געבליבען
דער גאנצער שפייזער פון דיזער פאמיליע נור דער הערשעלע
אליין וואס האט געקענט אנווענדען פון זייעם געהאלט אויך
דער הוצאה קיים צוועלף רובל אמאנאט:

דאך אבער דער גאט וואס איז דער פאטער פון אלמנות
און יתומים איז דא אויך ניט געשטאנען פון ווייטען · און האט זייא
ניט געלאזט אנקומען צוא דעם שמוציגען בעטעל ברויט ווייא
אימער דער פאל איז מיט דיא עלענדע וואס הילען נור זיך
נענערען דורך זייערע הענדע ארבייט און מאכען זיך ניצליך
אין דער מענשליכע געזעלשאפט דורך זייערע מיהע און פלייס ·
דען גאט האט זייא ארויף געבראכט אויף דעם געדאנקען · דאס
זייא זאלען אנהייבען צו מאכען הילזען (דאס הייסט פאפירענע
שיידלאך צו פאפראסען) וואס דאס איז איינע זייער לייכטע
ארבייט · איינע ריינע און צו גליק אויך אנגענעהמע ארבייט ·
דער הערשעלע האט זייא איינגעריכטעט איין קליינעם
ווארשטאטעל דער צו מיט גאנץ קליינע קאסטען · האט צוא
געזעצט צו זייא איין מיידכען וואס האט פריהער געארבייט אין
אזוי א פאבריקע · און האט זייער גוט פערשטאנען דיא ארבייט ·
און האבען אזוי אנגעהויבען צו ציהען דער פון בערך ארוביל
דרייא א וואך · און האבען אזוי העכסט צו פרידען דער מיט
רק מים פיר און צוואנציג רובל האבען זייא שוין געקענט

ווייער

דיזער לייבט בעשריבען (ביא קומט) זייער הוצאה · אונ האבען
אזוי גיט גיוואוכט נוא אפ צו באצאלען דעם בורא פאר זיינע
חסדים מיט וויא · דער צו נאך האבען זיא גיהאט גרויס נחת
פון דעם הערשעלע וואס נאט ווארט ביי אים אין זיינער ארבייט
אונ זיין למוד · דאס אין פערלויף פון דעם עהעמען יאר נאך
דעם פאטערס טויט · האט ער גיבראכט זייער גרויסע פארדינסטע
(פעולות) אין דיזע ביידע ענינים דאס הייסט אין דער פראקטיק
אונ אין דער טעאריע (למוד) דאס זיין (פרינציפאל) האט אים
אנגעהויבען צו זאגען שוין דרייסיג טאלער אמאנאט · דען ער וואר
זייער ערפינדעריש (איינפאלע) אין נייע מאדעלען אום צוא
דינען · אונ גלייבט אליין אויש צו ארבייטען · אונ אלץ מיט
דער גרעסטען געשיקליכקייט אין דער וועלט · ער איז אזוי
טיים איינגעדרונגען אין דיא אלע סארטען פון דיזער פאבריקאציאן ·
אזוי אין דער מאשינעריען אונ אזוי אין דיא קאלאריטען אונ
אין דר בעסט וואס גם אין נייט זייער וויים צו פארשטיין אום
צו פאריכטען מאנכע שטיק ציג (פערקעל) וואס ווערט פארדארבען
אין דרוק · דאס האט ווערט דער דירעקטאר פון דיזער פאבריק
פלעגט זיך אויף אים פערלאזין גאר אין גאנצען אלעס ער פלעגט
צו ווערין ניט געוונט (וואס דיזער פאל פלעגט זייער אפט צו
זיין) אבער ער פלעגט דארפען איבערגען וואו פארק · אונ האט
אזוי קיין מאל קיין אורזאך גיהאט עס צו בערייען (הרבה צו
האבען דארויף) · דען ער פלעגט צו געבען אלץ אימפאזאנטע ·
אונ זייער אפט נאך בעסער אלס ער וואלט אליין גיוואלט
דער ביא [illegible]
דאהער איז קיין וואונדער ביינע ביידע לעזערין דאס
[illegible] הערשעלע דאס אנגעהויבען צו האבען אויסגעבען צו
דערכראכען מיט דער צייט אויף איבער דיא שטעלע פון דיזעם
דירעקטאר וואס ער וואר אלט אונ קראנק · אונ וואס וואלט
[illegible] פאר געווים שוין אנגענומען פון זיין פונקציאן (דאלז עבט) ווע
ער



ער וואלט גיט האבען אים ביי דער האנט · וואס ער וואר אים
בעהילפליך אויף יעדען שריט · אונ ער זעלבסט (דער דירעקטאר)
פלעגט אים צו זאגען נייע האפנונג אויף דיזער אויס ריכט
דען ער וואר אים זייער גוט · וויל דיזער הערשעלע וואר
זייער קלוג אונ וואר אים אזוי פארגעלט (אבגעבע) אונ געהארטאם
וויא דער קלענסטער ארבייטער וואס איז אין פאבריק · קיין
גאראשען שפאלץ ביימען אים געצייגט · גלייך וויא ער וואלט
איצונד אנגעקומען אין פאבריק · אונ מיט אזוי אבדה גיפעלט
מאך רעדען · אונ פשוטא שון אזוי אבראמען מאן וויא דער
דירעקטאר וואר וואס ער האט אים שון פון אנפאנג פראמעירט ·
אונ א מאל גוטעס גיבראכט פון אים פאר דעם פרינציפאל
וואס פלעגט אים באלד דארויף בעשענקען מיט אליינע סומע
אונ דיזעם געלט פלעגט דער הערשעלע אנווענדען אויף אנוטען
צוועקע · ער פלעגט נאמליך צו קויפען דער פאר נייטיגע ביכער אום
זיך קלערען אונטערנעמען · ניט דריך אבער זייער נעט אונ ריין
אונ וואר אויך צו פרידען מיט זיינעם העררן · מיט זיך זעלבסט
אונ מיט זיינעם גאט · דען ער איז זיך גיגאנגען אין אידישען
חנוך וויא זיין פאטער האט אים גילערנט אונ פאר זאגט · האט
גיהאלטען זייער ערליך דיא מוטער אונ דיא שוועסטער · אונ
האט ניט גידיינקט פון קיין שידוך פאר זיך נור פאר דיא שוועסטער
אונ דער צו האט אים נאך גיפעלט געלט · אבער קיינע
האפנונגען · אונ אויך קיינע גוטע אויסזיכטען [illegible]
[illegible] אלזו מיינע ליבע לעזערין אינגע אורזאך שון דאס אונזער
הערשעלע האט בעקומען אנרויסען נאמען אויף גאנץ לעסבורג
אונ נאך אומהערע ביזין ארום לעמבורג · [illegible] וואו איבעראל
גוטעס פון אים גישפראכען · אונ פילע האבען שון געזוכט זיינע
בעקאנטשאפט · דען ער האט שון גיהאט אגרויסע דעה ביא
דעם פראנצויזען איינקויף · אונ ביא דער ארבייט · בעשטעלונג
פון גרויסע קוואליטעט וואס פלעגן בעשטעלען דארפין גרויסע
קאלייטן

האליען. אויך וואר ער געברויכט אלס איין טרייער פארמיטלער
ביי דיא גוישע אנליהנג וואס זיין פרינצעפאל האט אנגיהויבן
צו מאכען ביי אידעשע קאנטעריסטען׃ ביי אלעם דעם האט
ער קיין גראסין פארדינסט. ער האט זיינעם הערין טריי געדינט
וויא זיינעם נאט וואס האט אים געלוינט געגען וויא פאר זיך אזוי
איך פאר זיינעם הערען [illegible]
[illegible] דיעער גרויסער נאמען האט אים אבער זייער שייער
מקאסט. ער האט אים צו גיצוגין דיא תורה פראבין ביי
הערב ער איז ביי צישטאנען וויא איין העלדי וויא אברהם
אבינו ביי דיא צעהען פראבען וויא מיר וועלין דא באלד הערן
[illegible] קורין און ביגרונג
[illegible] איין מאל אלס ער איז געוועזין צו הויז שפעט ביי נאכט
און איז זיך געזעסין מיט דער מוטער און דיא שוועסטער ביי
דעם אבענד ברויט. און האט זיך אונטערהאלטען מיט זייא
הערין זייערע הויזליכע אנגעלעגענהייטען האבין זיי בעדויערט דעם
פאטער. און געמיטלייד דיא שוועסטער דאס עס איז נאך ניט
דא מיט וואס צו פערהייראטהען איהר. האט בעקאנט געקלאפט אין
טיר ביי זייא. וואס דיזעם האט עש הערם ערטבען מאל
גיטראפין צום זייא וואלטען דערהערן. דען ווער בהויבט אזוי
שפעט צו אזוי איין פערלאסענעם קליינעל וואס וואוינט אין
גאנץ וועלט. און ווער קען עס זיין האבין זייא בייגע [illegible]
זיך צווישען אנדער גיפרעגט. העכסט פערוואונדערט און האבען צו
שראקען פערגעווים איין מענשען קינד. האט זיך דער הערשעלע
אפגירופין און איז ארויס אין פארהויז. מיט אליכם פיאה האט
געעפינט דיא טיר און עס איז אריין איין אונבעקאנטער העבר
וואס האט גילאזין ווארטען אויף זיך [illegible] שטוב
און וואס ער האט אים באלד דער קאנט דאס ער איז איין
גוויסער איזאק הוף וואס האט אהין איינעם צו פאבריק אין
פרעסבורג. דען ער האט אים איינע מאל ביגעגעבען ביי זיינעם





פרינצעפאל אין שטוב און האט זיך שוין עטליכע מאהל
אונטער געהאלטען מיט אים זייער פריינדליך. ער האט אים אזוי
אויך גענומען זייער העפליך. האט אים אריין גיפירט אין זיין
גאבינעטעל האט ער האט צו דעקט ניסאבט פאר זיך. און האט
אים צו גליק גיפרעגט וואס ער ברויכט:

"איך ברויך צו אייך האט ער אים גיענטפערט" "אדער
בעסער צו זאגין איך ברויכע אייך" "און איך פארשטייא אייך
ניט" האט אים דער הערשעלע גיענטפערט. "אזוי וועל איך אייך
שוין דייטליכער זאגין" האט זיך יענער אפגערופין: איך וויל
אייך בערעדען דאס איר זאלט אנקומען צוא מיר אין מיין
פאבריק. דען איך בין פון מיין טעכניקער העכסט און גאנץ
אינצופרידען. ערשטענס פארשטייט ער זיין פאך גאנץ ווייניג.
צווייטענס איז ער ערגעבין דעם טרונק. און איר הער
שטיינעמעץ געפעלט מיר זייער. אזוי איאר זאל מיר זיין וואס
פאר איין טעכניקער איר זייט. זייא האבין עס ניט אלע אין
קאפ וואס איר האט אין נאגיל. אייער פרינצעפאל ווייס אייך
אבער ניט צו שעצען. עס איז צו לאכען וואס פאר איין גיהאלט
ער גיט אייך דרייסיג לומפיגע טאלער. דאס נעמט ביי מיר
דער קלענסטער פיסציג. איך וויים אייער טאלענטע בעסער
צו שעצען. איר האט ביי מיר הונדערט טאלער מאנאטליך
און איר ווערט נאך האבין אקליינעם ארטיקעל אויף אייער באנדע
(רעבענונג) ציוייא פארביקע שנופטיכלאך וואס עש ווערט אייך
איינטראגין נאך געוויסע דרייסיג טאלער אמאנאט. דער צוא
ווערט איר האבין טיש און קווארטיר ביי מיר":

"עש קען זיין" האט אים הערשעלע גיענטפערט "דאס איך
בין עש ווערט. דאך וועל איך עש ניט טאן. כל זמן מיין
פרינצעפאל ברויכט מיך און וויל מיך האלטען דארף איך מיך ניט
ענטזאגין פון אים דען פריהער גאט און דער נאך אים האב איך
צו דאנקען וואס איך בין. איך מוז אלזוי פארבלייבין ביי אים

בלזמן ער וועט מיך ניט ענטזאגן · אונ וועל עס ניט טאן פאר
איין מיליאן, „איר זייט דאך אקינד" האט זיך דער איזאק הויך
אפגערופן צו איהם „איר קענט נאך ניט דיא וועלט · דאס
הייסט ניט ערליכקייט דאס איז גיר איינע דומהייט ארער איינע
שוואכהייט · איר וועט ביי איהם קיין מאן זאלץ ניט אויף עסען
איך ווייס דאס אייער פרינציפאל איז אין דער קלעמע · איך
וועס מיט אייך דאס אין פערלויף פון אכאר יאר וועט ער שוין
באנקראטירען · דען ער האט פיל אויף מארעשע וואהרע וואס
קיינער וויל עס אין האנט ניט נעמען · אויך פעלט זיא דיא
נייע מאשינערייען ער וועט בלייבען הינטער שטעלינ · פאלגט
מיך · טוט עס אום אייער שוועסטערס וועגען זאנסט וועט זיא
בלייבען זיצען ביז אירע גראע האר · קומט איר אן צו מיר האט
זיא באלד תחונה · דען איר וועט שוין זיין אין שטאנד איר אום צו
קליידען אונ וועל אייך אום העלפען אויך אין נאך דעם איך וועל
אייך אין פאראוים געבען אויף איין האלבעס יאהר אונ וועל אייך
עס ביסלעכווייז אפרעכענען" :

„ניין מיין הער !" האט זיך דער הערשעלע אפגערופן
עס וועט ניט גיין · איך מוז בלייבען ביי מיינעם הערען ביז
דאס לעצטע וויא איין גוטער סאלדאט וועלכער ניט פון שלאכט
פעלד ביז דעם לעצטען מאן · אלזוי אימזאנסט די מיהע רעט ניט
מיט מיר מעהר דער פון" „אלזוי ווערדע איך שפרעכען דאריבער
מיט אייער מוטער וואס פארשטייט איין אינטערעס בעסער
אלעס איר" האט זיך יענער אפגערופן „ניין מיין הער עס
וועט עס אויך גאנץ ווייניג ווירקען אויף מיך · איך מוז בלייבען
ביי מיינעם אלטען פרינציפאל · אונ האפע צו גאט דאס ער
וועט ניט באנקראטירן · אונ לעבט אייך וואויל" „אונ ווען
אזוי" האט זיך דער איציק הויך אפגערופן „בעט איך אייך
דאס איר זאלט קיינעם דער ציילען דער פון וועלכעס אייער מוטער
ציט · אונ זייט אייך גיזונט · אונ בין מקנא אייער פרינציפאל





דאס ער האט אין זיין פאבריק אזוי איין טרייען דינער אונ
לעבט וואויל" :

דער איזאק הויך איז זיך אוועק גיפארין · אונ דער הערשעלע
האט גידאנקט גאט דאס ער איז ביי גישטאנען ביי דעם
נסיון · אונ איז געבליבען טריא זיינעם פערשפרעכען · דאס
ער האט דער מוטער ניט דער ציילט · אונ אלעס וויא אונ דיא
שוועסטער האבין אין איהם בעדרונגען · דאס ער זאל זייא זאגין
ווער דיזער הער איז אונ וואס ער האט געברויכט צו איהם האט
ער איר גיענטפערט · דאס ער איז איין פראנקטער הענדלער :
אונ האט זיך מיט איהם בעראטען צו קענען ער עס זיינעם הערין
קרעדיטירין אונ האט אלזוי דער מיט איינגעשטילט זייערע
נייע גירדע :

אויף מארגין האט ער גיהאט פון זיינעם פרינציפאל איין
העכסט ווארצטען עמפפאנג „דוא ביזט מיין קינד" האט ער צו
איהם גיזאגט „ריין אונ אונשולדיג וויא איין נאטער איינגעל ·
דען דוא ביזט איינע ברוסטע אונ שווערע פראבע ביי גישטאנען
וואס נאך קיינער ווארע עס אין שטאנד צוא בעשטיין · איך
וועלבסט האב דעם איזאק הויך צו דיר געשיקט האט ער זאל דיר
דער צו בעריידען ניט אבער אום [illegible] צו פראבירין דיינע
ערליבקייט · בעהיטע גאט דען איך האב קיין מאל געצווייפעלט
אין איר · איך האב איהם געשיקט צו דיר צו איהם לויד צו ווערין
פון איהם · דען ער האט אין מיר נעדרונגען דאס איך זאל דיך
איהם אפ לאזין · דא האב איך איהם גיענטפערט ווען דוא וועסט
איהם קענען בעריידען דער צו שטייא איך ניט אום איהם · אונ
ער וועלבסט האט מיר באלד נאך זיין קומען פון דיר דער ציילט
דעם גאנצען געשפרעך וואס זאר צווישען אייך ביידען ·
נון פרייט מיך · דאס דוא ביזט ארוים פון דיזע פייער פראבע
ריין וויא יאזעף אוים ענטפעטען איך וועל עס דיר מיין
קינד געדענקען ביז אין גרוב אריין · אונ נייא צו דיינער ארבייט ·

נאָ מיינע טייערע לעזערין וועלכע פריידען אין דער וועלט וואר צו פערגלייכען צו דיא דאמאלינע פריידען פון דעם הערשעלען. זיין זיא זיינען מער אלס אלע אידישע גליקען עס איז גור איין והיהעלשער נענום:

און אין איין האלבעס יאר ארום איז געקומען צו אים אום שבת איין געוויסער בראמזאן איין בוכהאלטער פון איין געוויסען אידישען קאנטאריסט בעגעדעט פוגעלסדארף וואס איז געשטאנען דורך און אין געלד געשעפט מיט זיין פרינצעפאל און האט אים פאר געשלאגען א שידוך מיט זיינע אטאכטער וואס וואר העכסט שיין און גרוים געבילדעט און וואס דער פאטער גיט איהר צעהן טויזענד טאלער נדן:

דאס איז איין מעהרבען (בייקע) האט זיך דער הערשעלע אפגערופען, נייין מיין בעסטער האט זיך דער בוכהאלטער אפגירופען, איך בין ניט געקומען אום שפאס צו מאכען. איך בין געשיקט צו אייך פון מיינעם הערען, און וואס זאל ער עס מאן, האט אים דר הערשעלע געפרעגט, דען זיא זעהן ביי מיר אום פינקטליך אזוי ווי דיא לייט פון שאול וואס זיינען געקומען ריידען צו דוד א שידוך מיט (מיכל בת שאול) וואס ער האט זייא געענטפערט (הנקלה בעיניכם התחתן במלך ואנכי איש רש ונקלה) איז דען מיינע קליינקייט ביי אייך אין דיא אויגען צוא מאן א שידוך מיט אקינג און איך בין דאך איין ארעמער אונוויכטיגער מענטש:

ער וויל מאן מיט אייך האט אים דער בוכהאלטער געענטפערט אויף צוויא אורזאכען, ערסטענס ווייל איהר געפעלט זייער שטארק דיא טאכטער און צווייטענס ווייל ער האט פאר זיך קיין אנדער שידוך ניט ווען אלע אידישע בחורים זיינען דאך דיא אונטער און געירעט גור מזל טוב געבער. גוט יום טוב ביטער און קעסט עסער און אנדזיים שוין אמאן וואס איהר קענט שוין אייך אנשמעגריב נענערען, נייין מיין פריינד, האט

ער



ער זיך אפגערופען יעדער ווילע בין איך עס ניט מיין געהאלט איז קוים דרייסיג טאלער און דיגעס איז ניט גענוגענדען צו בעשטרייטען דיא הוצאה פון לעבען מיט איינער פרויא וואס איז א טאכטער פון אזא אגרויסען גביר און בפרט וויא מיר דוכט דאס גיא איז אבת יהודה אזוי מוז דא געווים ליגען צו גרונדע פיל מער אלס הוילע ליבע דען נאך האט נאך קיין יודע צו ליב דעם אליין קיין שידוך געטאן ביז הער וואררען זעלבסט דיא רייכסטע און אזוי גאר דיא געבילדעסטע יודען העכסט סקרופולעז (בעדענקלעך) ביי איינער פארטיי (שידוך) נאך פיל מעהר אלס ביי איין גאלה געוויכט בען קוקט דאס דיא שנעלקע (שמרעלקע) זאל גוט אום איין האר ברייט געניינט זיין צו דער אנדערע שאל און געהום זאל דיזער ר׳ בענעדעט פוגעלסדארף איינע אום גאטע מאכען מיט זיינער טאכטער:

ווייל דיזער הער האט אים יענער געענטפערט האט דער ביי איינע גוטע אויסזיכט ער חיים דאס איר זייט אין שטאנד צו דער רעגירען (פיהרען) איין ציק פאבריק און מיינט אלזוי צו מאכען אייך פאר אפאבריקאנט אין איין איינענעם פאבריק ער איז עס אים שטאנדע:

א ווען אזוי! האט זיך דער הערשעלע אפגעטופען פארלאנגט איר פון מיר פיל מער אלס שאול פון דוד דען יענער האט פארלאנגט פון אים דאס ער זאל צו ליב דעם שידוך איין שטעלען נור דאס לעבען אין דעם שטרייט מיט דיא פלשתים און ער פארלאנגט דאס איך זאל אים אוועק געבען מיינע ערליכקייט און זאל צו גלייך עובר זיין אויף דער צוואה פון מיינעם זעליגען פאטער איך וועל קיין פאבריק מאכען אזוי לאנג מיין פרינצעפאל וועט האבען איין פאבריק דא אין שטאט און איך וועל מיך ניט פארהייראטען כל זמן מיין שוועסטער און מיין כוטער זיינען נאך ניט פאר זארגט צוויא גרויסע

מניעות

צניעות אזוי וואס האלטען מיך אפ פון איינער פארטי :

דאך דיזע צווייא צניעות, האט זיך אפ גערופען דער בוכהאלטער וועלען ניט פיר אימער בלייבען · אונ דער הער פינגעלסדארף האט נאך מיט זיינער טאכטער צייט צו ווארטען · אזוי איז נאך צו האפען דאס דיזע פארטי (שידוך) זאל אויס געפירט ווערדען · צו פריער צו שפעטער אויב איר געפעלט איך בייא נאנדער · נור דר ווילע זאל עס בלייבען איין געהיימניס אונ אמן ! —

נאך מיינע טייערע לעהערין · איז דיר זייער לייכט צו פאר שטיין וויא אויך אונזער הערשעלע האט זיך פון דיזער פארטי גאנץ לייכט ענטזאגט וואר ער דיך ניט דער בייא גאנץ גלייך גילטיג · דען ער האט זיך קיין מאל ניט פאר גישטעלט · דאס דיזער שטאלצער אונ רייכער פינגעלסדארף · אונ נאך מער זיינע טאכטער דיא פענונם (שיינהייט) אונ דיא טאנאנגעבערין (מאדניצע) פון לעמבערג זאלען מאן מיט אים · בייא אלעם דעם האט ער אויס גיהאלטען וויא איין מאן פון גרויסען כאראקטער אויך דיזען צווייטען נסיון וואס וואר שוין פיל שווערער אלס דר ערסטע · דען דא וואר שוין אויך ליבע אין שפיל · אונ ליבע וויא מיר ווייסען שטייט ניט אים קיין פרייז · אום אירט ווענין אפפערטען זייער אפט וויא מיר זעהען (לײדער) עלטערען רעליגיאן געוויסען · אונ אונזער הערשעלע האט דיזען שטורעם אויך אויס גיהאלטען וויא איין טיף איין געוואורצעלטע אייכען בוים וואס עס ריהרען אים ניט אלע ווינטען פון אלע וועלט געגענדען · דאך זיין שיקזאל וואר נאך ניט צו פרידען מיט דיזע צווייא שווערע פראבען · ער האט אים נאך גיוואלט מיט איינער דריטע פראבע פרובירען וואס איז אין מאנכען הינזיכט נאך פיל הארטער אונ שווערער אלס דיא ערסטע צווייא וויא מיר וועלען דא באלד דער ציילען :

איין מאל גאנץ שפעט בייא נאכט אלס עס וואר דרויסען

איינע



איינע שטרייננע קעלט אונ דער צו זייער שנייאיג · האט ווידער איינער אן גיקלאפט אין טיר (דיזע נעכטע איז גישעהען אין אפאר יאר ארום נאך דעם פאסטערם טויט) · עס וואר גיצפענט אונ עס איז ארין אין שטוב איין יונגער מאן אפ געריסען אונ אפ געשליסען (מאגער וויא אהינט אין ניין טעג) אונ שווארץ וויא דיא ערד אונ איין געבייגט אין דרייען · דיא היטעל אראפ גירוקט איבער דיא אויגין וויא איינער עפעס וואס האט נחד צו צייגין זיין געזיכט דעם אנדערין · דיא קליינע פאמיליע האבין זיך אין אן הייב דער שראקען · דען דיזער מאן האט זייא אוים געוויזין העכסט פערדעכטיג (פאדאזרישעלנא) · אונ בפרט אלס זייא האבין פון אים קיינע איינציגע אנטווארט ניט גיקענט ארוים בעקומען פון אים אויף דיא איינציגע דורצענד פראגען וואס זייא האבין אן אים גערינכטעט · גלייך וויא ער וואלט שטום גיוועזען אדער זיך געפירכטעט צו פערראטהען זיך (אוים צו געבין זיך) דורך זיין שטימע · דיא ווארע אורזאך דער פון אבער נור דאס ער וואר אין דיא ערשטע מינוטען וויא געלעמט (אפגענימען) פון קעלט · אונ ערשט דער נאך אלס ער האט זיך שוין עטוואס איין גיווארעמט · אונ האט שוין דיא שפראכע גיפינען האט ער זייא מיט דער מעלדונג פון זיין טייערען נאמען נאך מער בעאונרוהיגט אלס מיט זיינעם שווייגען «איך בין מאטקע» האט ער זיך אפ גערופען «גיט מיר עפעס אין מויל דען איך בין פאר שמאכט פון הונגער אונ פון קעלט» «פון דעם דער הערין דיזין טייערין נאמען איז דיא דרייען גיווארין נאך פיל קעלטער אלס אים · דען זייא האבין גימיינט דאס זייא זיינען לויז גיווארין פון אים איך אימער אונ אייביג · דאס דיא שאנדע האט אים געוויים פאר טריבין אין טיף רוסלאנד אדער קיין אמעריקע · איצונד לאזט זיך אוים דאס דיא שטיקעל סחורה איז ווידער דא · אונ וואו טוט מען זיך אהין מיט אים · האלטען אים בייא זיך אין שטוב איז איינע אונמעגליכקייט · דען מען האלט דאך איינינע

מיידכען

מיידבען אין שטוב ביים דעם הילזען פאבריקעל נון ווען עם זיין וויא איין ציג מיט אקעפעל קרויט · ארוים טרייבן אים איז עם צו טיראנעם · אונ דער ווייסט צוא וואס עס וועט אים דאס נאך צווינגען :

קורץ רעוואלווירט (בעשלאסען) נאך איינעם קורצין בעדיינקען האט אים דער הערשעלע נעדייכט פריינדליך דיא האנד אונ האט אים אויפגענומען גאנץ ברידערליך · אונ אויף אים קוקונדיג האבן עם גיטאן אויך דיא מוטער אונ שוועסטער · מען האט באלד דער לאננט קאבענדע קאווע · עסן גיגעבן אונ דער נאך אלם ער האט זיך שוין גוט אפ גערוט אונ צו זיך געקומען האט ער דער ציילט זיינע בעגעבענהייטען אונ זיינע ערלעבנים פון דיא צווייא יאר וואס ער איז אויסען גיוועז פון דער היים וואס עס לוינט זיך ניט דיא מיהע עס אומשטענדליך (וויכטיג) צו דער ציילין · ווייל עס וואר ניט מער אלס איינע פערקעטונג (צעפוותא) פון איינער גיוואוינליכע שנארעריא · איינע אומשלעפונג פון איין שטעטעל אין דער אנדערער אלס ארעם בחור אונ האט זיך אין ערגעץ ניט געקאנט אויף האלטען · ווייל אום אונ אום וואר פערלאנגט ההמדה · איינע שיינע אויף פירונג אונ דער צוא נאך אפאס אונ אים האבין אלע דרייא געפעלט · אונ וואר אזוי דיא גאנצע צייט נע ונד אין גאנץ גאליציען :

אונ עם בלייבט אונז איבעריג צו דער ציילין פון אים דאס אלס גאליציען איז אים גיווארין שוין צו איינג אדער בעסער צו זאגין אלס ער האט איר שוין אוים גיהאט · האט ער איבער געשריטען דעם עסטרייכישען גרענעץ אונ איז אריין אין רוסלאנד אונ וואלט זיך פאר געווים גיקענט שוין דארטען אפ שטעלען אויף אימער · דען וועסט רוסלאנד (אין מערב זייט) איזט איין אונבעגרענעצטע לאנד (נחלה בלי מצרים) פאר אלער האנד אידעשע אומטרייבער · מען קען זיך אבצעהן מאל אין יאר התונה האבין דארטען · פינף מאל אין יאר אן זעצען · אונ

צו



צו גלייך פאר שיידענע ראללען שפילען · היינט אלס גוטער איד אונ בארגין אלס לאזנער (דאנאסציג) · נור צו זיינעם אונגליק וואר דאן קיין גוטעם יאר פאר דיא אומטרייבערידען עס וואר דאן דער אוקאז פון דיא פאימנע · דאס וועקען מען האט נור געהאפט אן אפאס איז ער געווארין סאלדאט · אונ גיהאפט האבין נור אונזערע אידעשע אפצעסמוטס · אלזוי איז אונזער סאמקע אויך אריין גיבראכט גיווארין אין דיזער זופע · אהאלבעס יאר איז ער שוין גיוועזן רוסישער סאלדאט אונ איז נאך דער דאבאלינער זימטע געפריגעלט גיווארין קרום אונ לאם · מען האט זיך אוים גערעכענט מיט אים זייער גוט אונ האט אזוי גינוג הרטה גיהאט אויף אלע זיינע דומהייטען · עס וואר שוין אבער צו שפעט :

דאס ענדע פון דיזעם ליד וואר דאס ער איז אנטלאפין אונ האט זיך אריין גיהאפט צוריק קין עסטרייך מיט געגוויער נוים אונ גרוים שרעק · ביים טאג וואר ער פערשטעקט אין דיא וועלדער · אונ האט גימאכט נאכט רייזען אונ איז אוים גישטאנען נוים אונ עלענד איבער דיא מאכין :

דיזעם איז מיינע טייערע לעזערין דער אסענם פון זיינער מיט טהיילונג (ערציילונג) אונ מער ברויכען מיר ניט צו וויסין צו אונזער ערציילונג · ער האט עס דער ציילט מיט טרערין אין דיא אויגין אונ האט דער ביים גישוואורין הויך אונ טייער דאס ער וועט זיינע פאריגע פעהלערין פערגיטען מיט איינער בעסערע אויף פירונגען · דיזע קליינע פאמיליע האבין אים העכסט באדויערט אונ דער הערשעלע האט אים פארשפראכין צו בעגיין זיך מיט אים גאנץ ברידערליך · נור ער זאל אים פאלגין אונ גיין אין גראדען וועג :

אונזער הערשעלע האט הוארט גיהאלטען · ער האט דעם מאמקען פארגישטעלט פאר זיין פרינצעפאל · אונ האט אים גיבעטען דאס ער זאל אים אריין נעהמען אין פאבריק אלס

פאקדער

פאקירער און לויף בוקע (דאס הייסט אום צו שיקן אים אויף זיינן) ער איז מיינער איין לייבליכער ברודער האט אים דער הערשעלע גיזאגט · איין מיכטיגער קערעל · און איך קאווירע פאר זיינע ערליכקייט · נעהמען זייא אים אן אין איהרע דינסטען זייא וועלין מיט אים צו פרידען זיין:

זיין פרינצעפאל האט זיך ניט גילאזט צווייא מאל בעטען · און האט אים מיט פריידען אנגענומען און האט אים בעשטימט אכט טאלער א מאנאט · גאנץ גינוג פאר איינע איינצעלנע פערזאן אום דאס לעבין צו דר האלטען · בפרט נאך דאס טיש האט ער גיהאט ביי דער פאמיליע · און דער מאטקע וואר אזוי צו פרידען דער מיט און איז גיגאנגען אין שפאן זייער גוט · דען ער האט שוין פערשטאנען פאצאס פונט ליבע · און עס האט אים געוויזען דאס ער וועט בלייבין טרייא זיינעם פאר שפרעכען זיך צו בעסערען אויף אימער און אייביג · דאך אבער צו אונזער הערשעלעם לייד וועגען: האט זיך אנגיהויבין צו ציגין אין אפערלויף פון דרייא מאנאטען ביי דעם מאטקען ווידער שפירען (צייכענס) פון פערווארפענהייט (פערדארבענהייט) · ער האט אן גיהויבין צו קומען אהיים פיל שפעטער אלס ער ווערט לויז פון פאבריק · זיין פארדינסטעס געלט וואר ניט פערברויכט צום רעכטען צוועק (תכלית) · עס האט אים גיפעלט אויף שטיוויל ווייל וואס ער האט גיהאט האט ער פערטאצט אויף קארטען · און האט זיך פארשאפט איינע פערדארבענע געזעלשאפט פון אויס גילאסינע מענטשן וואס האבין אים מער גישאדעט אלס דיא פאריגע · הערשעלע איז גיווארין העכסט אונרוהיג דער פון און העכסט בעזארגט · ער האט עס אים אויס גירעט איין מאל צווייא מאל · עס האט אבער ניט גיהאלפין · איך האט ער אנגיהויבין צו ווערען העכסט אונפינקטליך אין זיינע גיינגע · אין זיין ארבייט דאס זיין הער האט שוין גיהאט גינוג אורזאך אום אונצופרידען צו זיין מיט אים · ער וואר אבער געשוויגט צו ליב

דעם



דעם ברודער · הערשעלע האט עס פארשטאנען און וואר דורך דעם העכסט אונצופרידען מיט זיך אליין וואס ער האט זיין פארדארבענעם ברודער זיך צו שאנדע ביי דער זייט גיזעצט · ער האט עס בעריהעט · דיא רייהע (חרטה) קומט אבער צו שפעט אלס דיא פאזארגע דאטע:

אין איינעם געוויסען טאג וואר אנרדיכער לייזונג אין פאבריק · דער פרינצעפאל וואר דער פון נומער דינגע (פרייליך) און האט גימאכט צו ליב דעם איין אבענד ביי זיך אין שטוב וואס עס וואר גילאדין אויף אים אונזער הערשעלע · און האט זיך דארטען אזוי שפעט פאר ווילט דאס ער איז גיבליבין דארטען נאכטען · און האט זיך גילייגט שלאפין אין דעם זעלביגין צימער וואו דיא קאסע איז · דען ביי דעם פרינצעפאל אין שטוב ווארען אלע בעטען און זאפיען פאר נוטען אין דיזען אורענד פון געסט און קונדען וואס ווארען דאן גילאדען צו דיזעם קויפמאנשען פעסט (יום טוב):

דיזער קאסע צימער וואר אויף דעם דריטען שטאק מיט איינער אייזערנע טיר וואס וואר אין איר אקליין שייבעלע ארונדע אום עס זאל ביי נאכט ליכט דורך דעם אריין שיינען פון דעם קאסע צימער אין דעם דונקעלע פאר הויזעל · עס וואר שוין דאן ארום צווייען אלס ער האט צו גיטראטען מיט דעם שליסעל צו דער טיר פון דיזעם קאסע צימער אום עס צו עפענען · און האט זיך דאהער ניט גיקענט גינוג אפ וואונדערען דער זעהענדיג דאס דיא שייבעלע איז גאנץ דונקעל · און נאך מער אלס איין וואונדער · איין טויט שרעק האט אים ערגריפען אלס ער ה.ט זיך אין דיא שייבעלע איין גיקוקט און האט דער זעהען דאס פענסטער וואס איז איר אין דיזעם צימער איר אנטקעגין איז אפען · און אין שטוב גייען אום צווייא יונגע לייט מיט אייזערנע שטאבערס (ברעך אייזען) אין זייערע הענד · און מען נאווינעם זיך צו דער קאסע · און צו

זיינעם

זיינעם גרויסן לייד וועזען איז איינר פון דיזע צווייא דיבן זיין ברודער מאטקע · נון וואר אים דאן דאהט גאנץ טייער (דאס הייסט איינע גוטע עצה וואר אים זייער וויכטיג) · וויא זאל ער דא טאן · צו זאל ער דעם ברודער אוים געבין אונ מאכען אים העכסט אומגליקליך אדער ער זאל זיך מאכען גאנץ ניט וויסענדיג דער פון · דאס הייסט ער זאל צו שרייען צו דיא ביידען דיבע דאס זייא זאלין אנטלייפען וואס צום גיכסטען דורך וואנען זייא זיינען אריין · ניט בעריהרענדיג די קאסע · דען זאנסט וועט מען זייא ביידען אן גרייפען :

דיזער קאמפף (שטרייט) וואן זיינעם הערצען האט אבער ציט לאנג גידויערט · אונ האט זיך בעשלאסען · עס באלד אן צו מעלדען עס זיינעם פרינצעפאל · אונ וועט זיך פאר לאזן אין דעם ענין וואס איז נוגע זיינעם ברודער אויף זיינער אייגענער ענטשיידונג (רעשענע) דאס הייסט וויא דער פרינצעפאל וועט זיך מיט אים בעגיין איזט ביי אים אלץ רעכט · דען ער האט ביי זיך גיוואוסט דאס איין אונבעשטראפטעס פאר ברעכען ברייגגט דעם זינדר צו איינעם נאך גרעסערען פערברעכען אונ דער וואס איז איין בעל רחמים וואו מען דארף זיין איין אכזר ווערט נאך הער איין אכזר וואו מען דארף זיין איין בעל רחמים · אלזוי ווען איין ברודער איז אדיב מוז ער בעהאנדעלט ווערין וויא איין דיב · אונ ווען דער פרינצעפאל וועט אים וועלין שוינען איז עס זיינער זאכע · דער (הערשעלע) מוז זיך דער ביי בעניין וויא איין טרייער דינער אונ צו גלייך וויא איין ערליכער מיט גליד (צלען) פון דער מענשליכער געזעלשאפט :

ער איז אראפ באלד אונטען אונ האט אים גימעלדעט וויא דיא זאכע איז · דאס עס זיינען דא אין דער קאסע צווייא דיבע וואס איינער פון זייא איז זיין ברודער · אונ וויא אויך דיזע שרעקליכע מעלדונג האט דעם פרינצעפאל זייער איפגערעגט

טרעזואזעט



(טרעזואזעם) ביי אלעם דעם איז ער זיך גינאנגען דער ביי גאנץ קאלט בליבינ אונ מיט גרוים איבערלייגונג דיא גיוויסע האט ער זיך צוא דעם הערשעלען אפגערופין ״דיזע ביידע שפיצבובען מוזען איינגיזעצט ווערען · אונ בעשטראפט ווערין נאך אונזער לאנדעס גיזעצע · דאך אום אונזערער ביידער עהרע ווילין · וויל איך דאס נימאנד זאל וויסען אויסער (חוץ) דיא פאליצייא וועהר דיא דיבע זיינען · דען זאנסט וועט דיינע עהרע דער ביי זייער פיל ליידען · אונ אזוי אויך ניט ווייניגער מיינע · ווייל דער נאמען ״מעצשטיין״ שפילט שוין איינע גרויסע ראללע ביי מיר אין פאבריק · אזוי מוז עס גאנץ אינם געהיים גישעהען״ :

עס וואר געשיקט באלד אויף דער פאליצייא · אונ עס זיינען גיקומען צוועהן פאליציאנטען מיט איין אפיציר · אונ מען האט דיזע לייטען (דיא ביידע דיבען) ערגריפען פריש ביי זייער פאר ברעכען · אונ מען האט זייא אפגעפיהרט אין דער פאליצייא · אונ דיזעס איז אלץ גישעהען אין שטילען · מען האט נאך הער אזוי גאר גיוואוסט דאס עס זיינען צווייא דיבע ערגריפען גיווארין ביי דער קאסע · דאך האט מען ניט גיוואוסט ווער זייא זיינען · דער צווייטער וואר אויך איין יודע · איין יונגער מאן פון זיינער אלטע חברה וואס וואר שוין איין האלבער פראפעסיאניסט אין גנבות · אונ ער האט דעם מאטקען דער צו בערעדעט · זייא ווארען באלד פערארטיילט (פאר משפט) אויף גאנצע פינף יאר צוכט הויז (אסטראג) אונ צו איינער שווערע צוואנג ארבייט אין דיא זאלץ גרובין · אונ האבין דער צו נאך זייער אפט זיך גיזעהען מיט דעם שטאק פון דעם צוכט מייסטער :

נון לאמיר דיזע ביידע דיבען לאזין שמאכטען אונ דערבען אין צוכט הויז אונ אין דיא זאלץ גרובען אום אומצוקערין אונז צו אונזער הערשעלען :

ענדע

אנדערע גוט אלס גוט.

דיזער לעצטער פערזוך צו בעשטיין ביא דער ערליכקייט זעלבסט נעגין ברודער ליבע האט געמאכט דעם הערשעלען נאך צעהן מאל ליבער אונ טייערער אלס פריהער ביא זיין פרינצעפאל וואס וואר אים שוין זייער גוט פון לאנג אן . אונ וואס האט אלץ געהאט איינע גוטע געלעגענהייט אום אים צו לויבען וויא ער פארדינט דען דיא קליינע געלט נאגראדענעס וואס ער האט אים געמאכט צווייא דרייא מאל אין יאר . האט עס נאך קיין בעטרעף געהאט ביא דעם פרינצעפאל נעגין דעם טרייען אונ געצליבען דינסט זיינעם אונ אזוי איין טרעגליבען דען מעהר אלס צווייא טויזענד שטיק אלט מאדישע פערקיילען וואס קיינער האט זיא ניט געוואלט אין האנט נעמען האט ער זיא ווידער העכסט געלטיג געמאכט דורך דעם צו זעצען אויף זיא (אדער צו דרוקען) איינע מאדנע קוויטלאך . אונ עס איז געווארין פון זיא איין לעבענדיגער קאפיטאל . עס וואר דער ביא אן געווענדעט פיל מיא אונ גרוישע נעשיקליכקייט :

אויך האט ער אים דיא מאשינען פיל געבעסערט . דאס דיא האבין נאך איבער טראפען (איבער געשטיגע) דיא נייעסטע אונ אזוי בענאהע (כמעט) גאנצע דרייא יאר נאך דער געשיכטע וואס וואר מיט דעם ברודער וואר ער איין דיא זיילע (דער עיקר) פון דיזעם פאבריק . דען דער דירעקטער וואר אלט אונ שוואך . אונ האט זיך אזוי פאר לאזין אויף דעם הערשעלען אין גאנצען . אונ דער פאבריקאנט וואר מיט אים פיל צו פרידענער אלס ער וואר אזוי נאר אמאל מיט דעם טעכניקער זעלבסט . אונ דאהער איז קיין וואונדער דאס אלס דער טעכניקער איז געווארין ענטלאבין אדער זיך זעלבסט ענטזאגט דאס ער איז געווארין

אויף



אויף זיין שטעל טעכניקער אדער דירעקטאר פון דיזעם פאבריק מיט איינעם געהאלט פון דרייא טויזענד טאלער :

אונ וויא מיר ווייסין דאס דיא וועלט איז ניט פון נעבעטען אונ דאס שוין דאמאלס וואָרען אויך שיינע בעטשטער אין איבער פלוס ביא רייכע עלטערין . האבין אים שדכנים אפ געשלאגין דיא שוועלין מכח שדוכים מיט נגידישע מיידעלין . ער אבער איז געבליבין ביא דאס פערשפרעכען זיינעם . דאס ער זאל זיך ניט פערהייראטהן ביז ער וועט פאר זארגין דיא מוטער אונ דיא שוועסטער . אונ האט אזוי פיל מער געדיינקט אום איינע פארטיי פאר זיינע שוועסטער אלס פאר זיך . אונ האט אלזוי געבעטען דיא שדכנים דאס זיא זאלין אום זוכען פאר איר עפעס איינעם ארענטליכען קויפמאן אונ האט פאר שפראכען צו געבין איר נדן טויזענד טאלער לבד איינע שיינע אום קליידונג . דיזעם אבער האט זיך ניט אזוי לייכט געפונען . אונ עס איז זיך איבער געלאפען ד' ר' ווייל נאך אפאר יאר אין וועלכע דער הערשעלע האט געוואקסען פון טאג צו טאג . אזוי אין פערמעגין אונ אזוי אין דער קענטעניס פון זיינער קונסט . אונ נאכדעם זעגען וואר אין אלעס וואס ער האט נור דארטן גיטאן אונ זיין פרינצעפאל האט עס באמערקט וויא אמאל דער פוטיפר ביא דעם יוסף . אונ האט אזוי געהאט גינוג אורזאך צוא זיין מיט אים העכסט צו פרידען אונ צו ליבען אים וויא איין אייגענעם קינד :

אם ענדע פון דיזע צווייא יאר האט אים דער פרינצעפאל אריין געגעבען צו זיך אין איינעם געוויסען אבענד אום צוא בעשפרעכין זיך מיט אים איבער דיא אן געלעגענהייטען פון דעם פאבריק . וואס דיזעס פלעגט צו טרעפען זייער אפט . דאך נאך האט ער ביים אים נאך ניט געשפראכען פון אזוי וויכטיגעס וויא איצונד . „הער מיין ליבער בעצעלמין !" האט ער זיך צו אים אפ גערופען מיר טוט נויט אין געלט . צוואר איך האב מיך ניט

צו

צו בעקלאגען איבער דעם פאבריק · איך געשטייהע דיר (בין
מודה) דאס ער ווערט פון דיר זייער גוט גירעגירט (גיפירט) · אונ
נאך וואר ער גיט אזוי איינטרעגליך · וויא אונטער דיינע פערוואלטונג
(פראוולעגע) · בייא אלס דעם בין איך געצט אין איינער קלעמע
דיא אורזאך וועד פון מעג דיר זיין זייער איינלייכטענד (קלאר) ·
ערשטענס האב איך אין פערלויף פון זעקס יאר אוים גיגעבין
דרייא טעכטער וואס יעדע בעזונדער האט מיר גיקאסט מעהר
אלס צוואנציג טויזענד טאלער · אונ נאך האב איך איינע אוים
צו געבען דיא מאטילדע · זיא איז שוין געריקט אין יארין
זיא דארף עס אויך · אזוי פיל קאסטען · וויא דיא וואראהיים
צו זאגין העטעסט דוא גיוואלט נור קריסט ווערין ברוך · איך
קיין בעסערין אלס דוא · עס וואלט פאר אונז בייידען גיוועזין
איינע גלייכע זאכע נור איך ווייס דאס דוא ביזט איין ארטאדאקס
(איין פרומער יודע) · נון וויל איך דיך ניט בעריידען דר צו אויסער
דעם האב איך ניהאט אנגיוויסען אן זעך מער אלס זעבציג טויזענד
טאלער אלזוי בייא דעם איצטיגין קאנקורענט ווען דער פאבריק
וואלט גיווען דורך אוים נאלד קען ער מיר דיזען דעפיציט (געלד
פעלער) ניט דעקען · אונ לייען בייא איינעם קאנטאריסט ווערט
מיר דער פראצענט אויף עסען · דאהער וויל איך דיר בערייטין
צו איינער זאכע וואס דיך ווערט עס מאכען העכסט גליקליך · אונ
מיך ווערט עס פון דער געלט קלעמע ארוים נעמען ·

א ליבער הער · האט זיך דער הערשעלע אפ גירופען
איך בין אייך פערטיג צו דינען אזוי נאר מיט דעם וואס עס
זאל זיין צו מיינעם נאכטהייל (רעה) אונ פשיטא שוין מיט וואש
עס זאל זיין צו מיינעם הייל (טובה) · ווען אזוי האט ער זיך
אפ גערופען · וויל איך דיך בעריידען דאס דוא זאלסט מאן
מיט דער עכסה · דעם פוינגעלסראפס טאכטער · זיא איזט
איצונד איינע חייע (יתומה) אונ איז אלזוי דיא איינציגע ערבין
פון הונדערט טויזענד טאלער · זיא איז קוים אלט דרייא אונ





צוואנציג יאר · איז צו גליך דיא שענסטע פון לעמבערג · אונ איר
האט דאס גליק צו פערליבט זיין אין אייך איך ווייס עס פון
דעם בראמזאן איר בוכהאלטער ער האט מיר צו גליך דער
ציילט · דאס ער זעלבסט האט דיר פאר איינע יאר נאך
דיזע פארטי גירעדט · נור דוא האסט ניט גיוועלט אויש צוויא
אורזאכען · ערשטענס דוא האסט ניט געוואלט אויפטרעטען
געגען מיר אלס קאנקורענט · אונ צווייטענס ווייל דוא ווילסט
דיינע מוטער אונ שוועסטער פריהער פאר זארגין · איצונד
זיינען שוין בייידע אורזאכען זייער לייכט צו בעזייטיגען · דען
איך מיין דאס אין פאל דוא וועסט דיזעס רייכעס מיידכען
הייראטהען · זאלסט דוא ווערין מיין קאמפאניאן אין דיזעם
פאבריק · אונ דיינע שוועסטער ווערט שוין באלד בעקומען
א מאן · אונ דאס גלייכען ווערט מען שוין דיינע מוטער אויך
וויסען צו פערזארגין · דען עס ווערט דיר שוין ניט פעלען
אן מיטעלען דער צו :

ווערסט דוא מיין קאמפאניאן (שותף) דא וועלין מיר
דעם פאבריק מיט אזוי איין קאפיטאל וויא דאס מיידכען האט ·
גאנץ נייע בעלעבען · אונ דאן ברויכען מיר קיינעם בעסערין
אונ זיכערען גישעפט אין דער וועלט · דער בראמזאן זעלבסט
האט עש מיר פראיעקטירט · אזוי מיין בעסטער · בעשליסע דיך
דער צו · עס איז פון נאט · אונ דוא האסט עס בייא אים
פארדינט · דען דוא ביזט דיא ערליכקייט אליין · פון פערשטייט
זיך דאס דער הערשעלע האט ניט גיהאט וואס איין צו ווענדען
דער בייא · דער פרינצעפאל וואר זעלבסט פערמיטלער דער פון
אונ אין פערלויף פון איינינע טעג איזט דיא פארטי גיווארין
גישלאסען · אונ אזוי מיט אייך אויך דיא שותפות · אונ דער
פאבריק האט אן גיהייבין צו בליהען אונ צו גליהען · דען ער
איז גיווארין דרייא מאל אזוי גרוים אלס פריהער · אונ בייידע
צדדים האבען העכסט צו פרידען איינער פון דעם אנדערען ·

בא (מא"ה)

אין נעטינם שטימונג · און הן אין געשעפטס אנגעלעגנהייט ·
דען מען האט גיזעהן בחוש דאס דיזער דאפעל שלום איהם
גישעהן דורך איינעם געטליכען ווילען :

ביא אלעם דעם וואר נאך דער הערשעלע דער זעלביגער
בראווער מאן · ער האט זיך ניט פערהייראטהעט מיט דער
רייכע און שיינע עכסה ביז ער האט דיא שוועסטער ניט
חתונה גימאכט מיט איינעם מאן אקויפמאן · און אזוי אויך
ניט פאר ווארט דיא מוטער מיט אקליינעם קאפיטאל וואס
זאל זיך קענען לעבין פון ; ציננען · און ערסט דאן האט
אונזער הערשעלע גיפייערט הויך זיין האכצייט :

זיא האבין גימאכט בורלאנטענע גישעפטען · דער פאבריק
איז גיווארין איין וואהרער מינך · עס וואר אין אים געלייגט זייער
פיל און אלץ אויף בארעם געלט · און נאך האבין ניט
גילעבט אזוי פאראייניגט און ברידערליך וויא דיזע צוויא
פאמיליען קאספער און מעצשטיין אויב וואול זיא ווארען פון
צוויא פערשידענע רעליגיאנען קריסטליכע און אידישע · איין
לעבענדיגער ביא שפיל פאר אונז אידין : דאס מיר קענען אין
איינעם ניכט יודען אויך איינעם ברודער שעצען · און דאס ווידער
איין ניכט יודע ווייס צו שעצען דיא ערליכקייט אין איינעם ניכט
קריסטען · אויך וואר נאך דעם הערשעלען בעשערט צו טאן גוטעס
מיט זיינעם אונגאטירליכען ברודער · דען באלד נאך זיין
חתונה איז ער לויז גיווארין און האט זיך אומגיקערט קיין
לעמבערג · איין גאנץ געלעמטער מענטש · אין צו קיילטער
איין צו ביילטער : אן כחות אן מוחות · מיט איינער ברוסט
קראנקהייט · וויא איין איבער גיטריבענער פאצט פערד · און
איזט זיך פערקראכען צו דער מוטער אין שטוב און האט זיך
דארטן פאר שטעקט וויא איין ווינדער וואס דיא מענשליכע
גיזעלשאפט האט אים פון זיך אפ גיטרייסעלט :



א גרויסער גאט ! האט ער דאן גיזאגט · דוא האסט
מיך גישטראפט וויא איך האב פאר דינט · א איין גליק
איין בראווער און עטצינער מענטש צוא זיין · א לאז מיך
לעבין איך וועל עס שוין זיין :

דיא מוטער האט צו וויסן גיגעבין דעם הערשעלען פון
זייגעם קומען · און ער האט אים באלד גילאזט בעקליידען ·
האט אים אדאקטער געשיקט · האט אים בעשטימט איין קליינעם
געהאלט · און נאכהער אלס ער וואר שוין פאהאזע אויף
אמענטשען האט ער אים גילאזט קומען צו זיך · האט אים דיא
לעוויטען גילעזין (תוכחה גיזאגט) און האט אים איינגיארדענט
איין פאבריקעל פון הילצען · און אלס ער האט גיזעהן דאס
ער גייט שוין אין גראדען וועג · היט זיין ארבייט · און היט
אפ אידעשקייט וויא געהערט. האט ער אים גיגעבין אנווייב
מיט אהיפשע ביסעלע נדן · און פיהרט זיך אזוי דארטן אין
לעמבערג איין פרומעס שטילעס לעבען :